№ 23 … opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

pol. Jagiellońska Kraków

טשענסטאכאווער צייטונג

Czwartek 6 czerwca 1935 | ליכט-צינדען פרייטאג 7.35 | דאָנערשטאג, ערב שבועות תרצ״ה.

קאָמוניקאַט

וועגען שחיטה אויף שבועות.

די קהלה = פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט, אַז אויף שבועות וועט געשאָכטען ווערען אויף פאָלגענדע ערטער און זמנים:

אין שחט=הויז ביים בית=המדרש

דאָנערשטאג ערב יום-טוב פון 5 פריה ביז 7 אָוונט.
פרייטאג דעם ערשטען טאָג יו״ט פון 5 פריה ביז 8 פריה.

בערקאָ יאָסעלעוויטשאַ 11:

דאָנערשטאג ערב יום-טוב פון 5 פריה ביז 12 מיטאג.

אַלעע 43:

דאָנערשטאָג ערב יום-טוב פון 6 פריה ביז 12 מיטאָג און פון 5 ביז 7 אָוו.
פרייטאָג, דעם ערשטען טאָג יום-טוב פון 6 ביז 8 פריה.

גלייכצייטיג ווערען אַלע בעל-הבית׳טעס אויפמערקזאַם געמאַכט זיך פאַרצובּרייטען שחיטה-קוויטלעך אויף יום טוב, ווייל אָהן אַזעלכע וועלען קיין עופות נישט געשאָכטען ווערען.

Browar Parowy, Wieluń

ul. Marszałka Piłsudskiego № 10. Telefon 10.

Poleca znakomite:

Piwo jasne „Kryształ", piwo ciemne „Kryształ"

Lemoniada jasna „Kryształka",
Żądać lemoniada ciemna „Słodówka". wszędzie

DYREKCJA GIMNAZJUM i KIEROWNICTWO SZKOŁY POWSZECHNEJ

Tow. Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Telef. 11-58

przyjmują zgłoszenia nowych uczniów tudzież do egzaminów wstępnych do wszystkich klas szkoły powszechnej i gimnazjum (prócz kl. VIII) codziennie w godzinach urzędowych od 10—1. Egzaminy rozpoczną się **w piątek, dnia 14 czerwca** o godz. 1-ej w poł.

געדענק, אַז

נאָר דער, וואָס שפּיעלט, קען אין דעריבּער, איבּ דו ווילסט **געווינען!?**

קויף בּאַלד אַ צעטיל אין דער גליקליכסטער קאָלעקטור

S. HAFTKA i S. BORZYKOWSKI

Aleja 2 telefon 19-13

Oddział. WARSZAWSKA № 9.

די ציהונג הויבּט זיך אָן שוין דעם 19-טען יוני.

Dyrekcja

Gimnazjum i Szkoły Powszechnej

D-ra FILIPA AXERA

w Częstochowie, ul. Focha 24,

zawiadamia, że egzaminy wstępne przedwakacyjne do wszystkich klas (z wyjątkiem VIII gimn.) rozpoczną się

w piątek dnia 14 czerwca b.r. o godz. 4 p.p.

Zgłoszenia przyjmuje się codziennie.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז ס׳איז געעפענט געוואָרען

דער פּענסיאָנאַט אין כּושאָנסטאוו

(סטאַציע קאָניעצפּאָל)

די ווילדע איז אין וואַלד. זוניגע וואוינונגען.
שמאַקהאַפטע קוך ווי אויך מאַכלים לויט קוראַציע פאָרשריפטען.
ספּעציעלע וואוינונג און אויפזיכט פאַר קינדער.
פּערשידענע פּערווײלונגען. צוגענגליכע פּרייזען.

מיט אַכטונג **העניך פאַקטאָר** (קאָניעצפּאָל).

ד״ר מעד.

ד. טאַרבּעטשקאַ

אַגראַדאָווא 10

אינערליכע און פרויען קראַנקהייטען,

נעמט אָן פון 2—3 און פון 6—8 אָוונט.

דאַנקזאַגונג.

דעם הארציגסטען דאַנק זאָגען מיר דער פרוי דאַקטאָר **אָרלינסקאַ—שפּירא** פאַר איהר אויסערגעוועהנליכער מעדיצינישער הילף וואָס זי האט צוגעטיילט אונזער חרוב׳ריג קינד, וועלכעס איז ביז דאַמאָלס קורירט געוואָר׳ען דורך אנדערע היגע גרויסע דאָקטוירים און נאָר אַ דאַנק דער מיהפּולער אָנשטרענגונג פון פרוי דאקטאר אָרלינסקא איז אונזער קינד צוריק געזונד געוואָרען.

זאָל זי האָבען הצלחה אין איהר ווייטערדיגער פּראַקטיק.

פאַמיליע רוזשעוויטש.

צוליעב׳ן אָבּפאָהרען קיין ארץ-ישראל

איבּערצוגעבען

א גוט איינגעאָרדענט געשעפט

פון 1-טען ליפּיעץ ה. י. אָן.

ערקונדיגען זיך ביי האָפּער, וואַרשאווער 39, אין געוועלב

פאַרבּערייַ און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

בּ. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבּער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ׳אַבּסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין וואַרשאַ מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבּען לויט מוסטערן,
2) דעקאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ׳ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט אַ דויערהאַפטען שפּיגעל גלאַנץ.

די פּרייזען בּעדייטענד ערנידריגט.

לאַראָווניעס (אייזקאַסטענס)

אויסגעצייכענטע מיט איזאָלאַציע פון קאָרקען-האָלץ ווי אויך בּוי=האָלץ, טישלער=האָלץ, געהיבּלעט האָלץ עמפּפעהלט צו זעהר בּיליגע פּרייזען

פירמע **בּרידער פאַקטאָר**—„אָרבאָר"

נאַרוטאָוויטשאַ 83. טעלעפאָן 14=24.

גינסטיגע בּעדינגונגען.

אין טאָרמאַק ווערט מעכאַניש בּעאַרבּייט און אויסגעפּערטיגט אַלעראַרט האָלץ. גרויסער אויסוואהל פון דעמבּאָווע בּרעטער

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אָן צו וואַשען **קראַגענס** מיט לאַנג-דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ, אויך נעמען מיר אָן **כעמיש** צו רייניגען און צו פאַרבּען אַלעראַרט קליידונג.

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבּען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ׳ן אָרט

בּרידער און געשוויסטער **מאַרקוס**

מיר בּעטייליגען זיך אין אייער צער צוליבּ׳ן פריהצייטיגען טויט פון אייער ליבּער

מוטער

ראובן קאָרזוך עט **פרוי** וויעלון.

לודקאָ אַלטמאַן העניעק צבי (הערשליקאָוויטש)

טשענסטאָכאָוו תל אביב

חתונה געהאַט.

אין יוני 1935.

ברכת מזל טוב אנו שולחים לבנינו **חיים צבי** לנשואי את בחירת לבו מרת **אהובה אלטמן** תהי דרכם סוגה בשושנים

תל אביב. **הוריו.**

צו דער חתונה פון אונזער ליבּע טאָכטער און שוועסטער **לודקאַ** מיט ה׳ **העניעק צבי** פון תל אביב — די הארציגסטע ברכות און אייביגעס גליק.

ווינשען **עלטערן** און **ברידער.**

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטערן-טאָכטער און קוזינקע **לודקאַ אַלטמאַן** מיט ה׳ **העניעק צבי** פון תל אביב, ווינשען א הארציגען מזל טוב און אייביגעס גליק.

די עלטערן — פיעל נחת,

לייביל קאַץ, פרוי און **פאַמיליע.**

צו דער חתונה פון ה׳ **זלמן ווישניא** וויעלון מיט פרל. **חיה אזשעקאָווסקא** ווישנען פיעל גליק און צופרידענהייט

אברהם משה כלאַפּאַק און **פרוי** וויעלון.

יודישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט אין טשענסטאָכאָוו.
(דראַמאַטישע סעקציע).

שבת, דעם 8 יוני פּונקט. 9 א זייגער אָוונט

ווערט אויפגעפיהר׳ט אין **זאַל** פון **„מכבי"**, קאַטעדראַלנאַ 13

הערשעלע אָסטראָפּאָלער

קאָמעדיע אין 4 אַקטען פון מ. ליפּשיץ.

ריעזשי: **ש. פּראַנק.**

בילעטען פריהער צו בּעקומען אין געוועלבּ פון ה׳ רזשאַנשינסקי, אַלעע 29 און אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

דער פרויען = פּעראיין „עזרה" אין טשענסטאָכאָוו מעלדעט, אַז **דינסטאָג**, דעם **11 יוני** ד. י. **האַלבּ 4** אין ערשטען טערמין און האַלבּ 5 נאָכמ. אין צווייטען טערמין בּיי יעדער צאָהל אַנוועזענדע קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל

די אַלגעמיינע יעהרליכע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פאָרזיצענדין, 3 טעטיגקייטס-בּעריכט פון יאהר 1934, 4) בודזשעט אויף 1935, 5) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס קאָמיסיע, 6) פרייע פאָרשלאָגען.

שבת ב׳ ד׳שבועות—צו מזכיר (8.6.35) וועט אין דער אַלטער און נייער שוהל צו דער צווייטער יאהרצייט פון

יוסף בּעהם נ״ע

פאָרקומען א פייערליכע הזכרה

אויף וועלכע עס לאַדעט איין די מיטגלידער

די פּערוואַלטונג פון „אחיעזר".

צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון אונזער מאַן און פאָטער

בּייניש בּרודער נ״ע

וועט מאָנטאָג, דעם 10 ד. ח. 10 א זייגער פריה ענטהילט ווערען די מצבה און אויך וועט געמאַכט ווערען אַ הזכרה, צו וועלכער עס לאַדענען איין

די אין צער פערבּליבענע

פרוי, טעכטער, איידעם, אייניקעל און **פאַמיליע.**

צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון אונזער גאָטזעליגען מאַן און פאָטער

דוד לייזעראָוויטש נ״ע

וועט זונטאָג, דעם 9-טען יוני 1935 י. פּונקטליך 12 א זייגער מיטאָג פאָרקומען די ענטהילונג פון דער מצבה און א הזכרה, צו וועלכער עס ווערען איינגעלאַדען קרובים און בעקאַנטע.

די אין טיפען טרויער פערבּליבענע

פרוי, טעכטער, זיהן, אייניקלעך און פאַמיליע.

בּעמערקונג: די אויטאָבּוסען וועלען וואַרטען ביי דער זאַוואַדזיער בּריק.

„שתי הלחם"

אין יום-שבועות, זמן מתן תורתנו, האבען אונזערע עלטערן, בעת דאס בית-המקדש איז געשטאַנען—געבּרענגט דעם „שתי הלחם", די צוויי ברויט; דאס איז געוועזען אלט רמז, אז מיר יודען קענען נאָר עקזיסטירען, ווען מיר וועלען לערנען, שטודירען, און אבהיטען די צוויי תורות, וועלכע זענען אָבער איינס, דאס זענען די תורה שבכתב און תורה שבעל פה, ווייל עס איז אונמעגליך צו פערשטעהן די תורה שבכתב, נישט לערנענדיג די תורה שבעל פה.

אָט די צוויי תורות זענען אונזער דאָפעל-ברויט, דער „שתי הלחם", וואס מ'האט מקריב געווען שבועות אין בית-המקדש. דאס איז ווי דער נביא זאגט: „לכו לחמי בלחמי", די צוויי ברויט—צוויי תורות, זיי מוזען געהען צוזאַמען. די תורה איז דאס געזונטע, נויטיגע און נוצליכע גייסטיגע שפייז פון יודישען פאָלק.

און אַזוי כסדר האבען יודען אלס דאָפעלט: צוויי תורות, צוויי לוחות; די לוחות האבען צוויי טיילען, איינע בין אדם למקום—די פליכטען, וואס דער יוד האט געגענאיבער ג—ט, דער צווייטער טייל—בין אדם לחברו, וואס איין יוד האט געגען צווייטען. ווייטער—צוויי שבתים, אין וועלכע יודען מוזען רוהען: דעם הייליגען שבת, וועלכער ווערט אָנגערופען יום שבתון, און אַ שבת שני של גלות—דאס איז דער זונטאג-רוהע, וועלכער איז דעם יוד אָנגעוואָרפען געוואָרען געגען זיין ווילען.

מיר האבען אויך צוויי שפראַכען: לשון הקודש, אין וועלכען די הייליגע תורה איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, און יודיש, מיט וועלכער דאס לאַנגיעהריגע גלות האט אונז מזכה געווען. נישט וועניג איז שוין וועגען דעם צווישען יודישען פאָלק געקעמפט געוואָרען, דאָך אָבער עקזיסטירען ביידע שפראַכען ביז צום היינטיגען טאג.

דאס יודישע פאָלק האט אויך צוויי סאָרטען רבנים: פאָלקס-רבנים, וועלכע פערנעהמען זיך מיט רעליגיעזע, קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע ענינים, ווי אויך רביים, צו וועלכע עס פאָהרען טויזענדער חסידים פון דער פראָווינץ עצות-פרעגען; צוויי סאָרטען שוהלען, אַלט-מאָדישע, וואו דער בעלעמער שטעהט אין מיטען, ווי אויך מאָדערנע, מיט'ן בעלעמער אין מזרח, און וואו די תפלות ווערען בעגלייט דורך אָרגלען; צוויי נוסחאות אין דאַווענען: נוסח אשכנז, וואס ווערט געדאַווענט דורך רוב יודען, און נוסח ספרד—נאָר פון חסידים; צוויי סאָרטען שולען: חדרים, אין וועלכע מ'לערנט נאָר תורה שבכתב און בעל פה, ווי אויך נאַציאָנאַלע שוהלען, וואו עס ווערען מייסטענס געלערנט למודי חול.

צוויי מאָל זענען אונזערע בתי-המקדש חרוב געוואָרען, צוויי מאָל זענען מיר פערטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד.

דאס אלעס האבען סימבאָליזירט די „שתי הלחם", וואס זענען שבועות געברענגט געוואָרען אין בית המקדש, אלס צייכען, אז מיר יודען זענען זייט דער צייט פון קבלת התורה א פאָלק, וואס מוז אלעס דאָפעלט טהוען, דאָפעלט ליידען און דאָפעלט טראָגען די לאַסטען, ווי אַלע אנדערע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט.

משה אש.

ביי דער ארבייט...

עס זענען שוין אפשר אַריבער די טעג פון פערבלענדונג לגבי דער א"י ווירקליכקייט, עס אונטערליגט שוין נישט קיין ספק, אַז עליה אָהן באָדען איז אָהן שום קיום, אַז פריהער אָדער שפעטער מוז זיך איינברעכען אַן'אונ-נאָרמאַלער בנין. און אַז דאָס האט שוין דער רוב יודען פערשטאַנען, איז דער בעסטער בעוויז, אַז די היי-יעהריגע אַקציע האט געגעבען דעם געהעריגען ערפאָלג און אַז די הכנסות פון קרן קימת לישראל שטייגען. עס העלפט נישט קיין דעמאַגאָגיע, די ווירקליכקייט און דער קלאָרער פערשטאַנד פון יעדען פראָסטען יוד מוז זיעגען און האט שוין געזיעגט.

דער קרן קימת איז געשטעלט געוואָרען אין מיטען פון דער פעראינטערעסירונג פון די מאַסען, האט צוגעצויגען פיעל ביז יעצט גאָר-פרעמדע עלעמענטען צו דער אַרבייט און דער עיקר זיינע הכנסות שטייגען. אַמבולטסטען האט עס בעוויזען דער דו"ח פון היעגען ק. ק. ל. פאַר'ן ערשטען האַלבען יאָהר תרצ"ה, וואו עס איז פערנאָטירט א שטייגונג פון הכנסה מיט 20 פראַצ. לגבי דעם גאַנצען פערגאַנגענעם יאָהר תרצ"ד. ווען מען וואלט גענומען די ציפערען פראָפאָרציאָנעל, דאן וואלט די עליה בעטראָפען קרוב 60 פראַצ. אויך די הכנסה פון פושקעס חודש'ליך איז געשטיגען כמעט דרייפאַך, (תשרי 126 זל., ניסן — 315 זל.) דאס איז דער בעסטער סימן, ווי מען שאַצט אָב דעם ק. ק. ל., דאס איז דער ווירדיגסטער ענטפער די ברעכער מכל מינים שהם.

און יעצט זאָלען מיר בעאָבאַכטען די נייע פעלדער פון אַרבייט. די באַזאַרען אין גאַנץ פוילען האבען אַריינגעבראַכט צעהנדליגער טויזענדער זלאָטעס און יעצט האלט אין איין שטייגען די הכנסה פון נדרים. און ווידער א בעווייז ווי בעליעבט ס'איז געוואָרען דער קרן קימת צווישען די רעליגיעזע מאַסען. שבועות האט מען די האָפנונג וועט דער צווייג זיך אַרויסווייזען אויף וויפיעל ער איז סטאַביל, אויף וויפיעל מען וועט קענען אויף הכנסות רעכענען. גלייכצייטיג ווערט אָרגאַניזירט די יזכור אַקציע. עס ווערט אַ מנהג ביי יזכור צו בעעהרען די פערשטאָרבענע אבות און נאָהנטע דורך תרומות פאַר'ן קרן קימת לישראל. צי קען מען זיך פאַרשטעלען אַ שענערען טהאַט ווי דאס מיטבוי פון ארץ אבות, דאס אויסלייזען באָדען פון אונזער הייליג לאַנד.

היינט שטעהען מיר פאַר א נייע אויפגאַבע. דאס פוילישע יודענטום בעוועהרט דעם גרויסען העלד, מלוכה-מאַן מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי. א טיעפען טרויער און געפיהלען קען מען אויסדריקען נור דורך א טהאַט, א מאָנומענטאַלען טהאַט. און צו האבען מיר א בעסערן וועג ווי צו פלאַנצען א וואַלד אין א"י אויפ'ן נאָמען פון מאַרשאַל פילסודסקי? נעבען די וועלדער פון באַלפור, מאַסאַריק, קעניג געאָרג 5 א. א. מוז ענטשטעהען א מאָנומענט פאַר מאַרשאַל פילסודסקי.

העבודה מרובה. דער קרן קימת לישראל, זיינע עסקנים מיט'ן גאַנצען פאָלק ישראל שטעהען טריי אויף דער וואַך פון אַרבייט, און אויך מיר די טשענסטאַכאָווער יודען וועלען נישט הינטערשטעליג בלייבען.

מיר קאָנצענטרירען זיך אויסער די טאַג-טעגליכע אַרבייט אַרום די נדרים און יזכור אַקציע אין שבועות!

פלאַנצען א וואַלד אין א"י אויפ'ן נאָמען פון מאַרשאַל פילסודסקי!

מיר שטעהען ביי דער אַרבייט...

ש. או—ג.

זמן תפלה אין דער נייער שוהל שבועות.

א' דשבועות: מעריב 8 (20), שחרית 9, פרעדיגט 10.15, מוסף 10.30.

ב' דשבועות: מעריב 8 (20), שחרית 9, פרעדיגט און מזכיר 10, מוסף 10.30.

די פערוואַלטונג מאַכט אויפמערקזאַם, אַז אָהן די איינטריטס-קאַרטען, וועט יום-טוב קיינער נישט האבען קיין איינטריט אין שוהל אַריין.

עס איז שוין צו בעקומען לאָסען
צו דער ערשטער קלאַס
פון דער 33-טער מלוכה-לאָטעריע.
דאס גרעסטע געווינס:
1.000.000.—
(איין מיליאָן זלאָטעס)
אויסערדעם 107.139 געווינסען
אויף אַ סומע פון 22.940.000 זל.
פרייז פון אַ פערטיל לאָס 10 זל.
Kantor Wymiany i Loterji
J. WEKSLER, Aleja 6
וואו ס'איז געווינען געוואָרען דער
מיליאָן זלאָטעס.
אין דער יעצטיגער 33-טער לאָטעריע איז פערהאַן
אַ בחונמ'דיגע 5-טע קלאַס.

פון דער אָרגאַניזאַציע פון אלגעמיינע ציוניסטען אין פוילען.

די טעג האט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון די אַלגעמיינע ציוניסטען אין פוילען צושיקט צו אַלע איהרע פערטרויאונגס-מענער און אַבטיילונגען אויף דער פראָווינץ, ווי אויך צו די מיטגלידער פון צ. ק. און פאַרטיי-ראַט אַ געניוען צירקולאַר וועגען דער יעצטיגער לאַגע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בעפאַרשטעהענדער וועלט-קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטען, וועלכע קומט פאַר אין קראָקאָ דעם 16-17 יוני ה. י. ווי אויך וועגען דער שקל-אַקציע און וואַהל-פלאַטפאָרם. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט דער צ. ק. פון דער אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיינע ציוניסטען אין פוילען בעשלאָסען צו רופען א בעראַטונג פון פאַרטיי-ראַט צוזאַמען מיט אַלע פערטרויאונגס-מענער אויף דעם 9 יוני קיין וואַרשא.

אין דער דאַזיגער בעראַטונג וועט זיך אויך בעטייליגען דער פרעזעס פון וועלט-פעדבאַנד פון אַלגעמיינע ציוניסטען דר. יצחק שוואַרצבאַרד פון קראַקא ווי אויך די פערטרעטער פון דער ציוניסטישער אַרגאַניזאַציע פון מזרח און מערב-גאַליציען.

גלייכצייטיג מאַכען מיר אויפמערקזאַם די אַלע מיטגלידער פון פאַרטיי-ראַט, וועלכע וועלען צוליעב וועלכע עס איז סיבה אין דער דאַזיגער בעראַטונג קיין אַנטייל נישט נעמען, גלייך צו מעלדען אין סעקרעטאַריאַט פון צענטראַל-קאָמיטעט.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

קומענדען דינסטאַג, דעם 11 יוני אין אייגענעם לאָקאַל, קאַטעדראַלנא 11 קומט פאַר די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה".

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג קומט פאַר אין ערשטען טערמין האַלב 4 נאָכמיטאַג און אין צווייטען טערמין האַלב 5 נאָכמיטאַג ביי יעדער צאָהל אַנוועזענדע.

אַלע מיטגלידערינס, וואס צאָהלען חודש-בייטראַג ווערען געבעטען צו קומען.

נדבות פאַר „תומכי עניים".

ה"ה: א. קאָנגרעצקי צו דער יאָהרצייט פון זיין פאָטער שלמה ז"ל 50 קילאָ ברויט, וו. אַרנשטיין א נדר 36 קילאָ ברויט, י. קאָנגרעצקי 8 קילאָ ברויט, ראָזענבוים 12 קילאָ ברויט.

אַביסעל גרינס.

לכבוד שבועות.

דער יום-טוב שבועות האט א טבע צו קומען אויף דער וועלט אין פריהליגג, ווען ס'איז גרין, די נאַטור האט זיך בעפרייט פון שווערען ווינטער און אַלץ גרינט און בליהט; די פעלדער טהוען זיך אָן גרינע קליידער, די ביימער גרינע קאָקאַרדעס און די גאַנצע וועלט ווערט גרין.

נאָך אַ פשט איז, אַז ווען ס'קומט פריהלינג ווערט א סך מענשען גרין פאַר די אויגען, אַרומקוקענדיג זיך ווי זיי האַלטען אין דער וועלט.

זאָל מען דעריבער מאַכען א שטיקעל סך-הכל פון ביסעל גרינס, וואס מיר פערמאָגען אין דער איצטיגער צייט. היי יאָהר די נאַטור, קאָן מען נישט זאָגען, זאָל האבען אויסגענוצט דעם גרינעם אוצר, וועלכען זי פערמאָגט. אָט איז דער פריהלינג אַביסעל דאָסיג מיט קעלטען, רעגענס, אזוי ביז מען זעהט אביסעל זון ווערט באמת גרין פאַר די אויגען.

קוקענדיג ווי אזוי די פעלקער בעוואָפענען זיך, און יעדע מלוכה בעשטימט אַלץ נייע בודזשעטען אויף קריגס-הוצאות, אָט מאַכט די מלוכה נייע עראָפּלאַנען, יעדע מלוכה האט ערפינדען נייע גיפטיגע גאַזען—ווערט די מענשהייט גרין, דערמאַנענדיג זיך אין דער גרויסער, אפשר די גרעסטע וועלט-מלחמה, וואס שטעהט אונטער דער טהיר.

די „מורחי" און די אַלגעמיינע ציוניסטען, וועלכע וועלען קומען צום 19-טען קאָנגרעס און זעהען, אַז די לינקע וועלען האבען 60 פראַצענט מאַנדאַטען, אזוי ווי ס'זאָגט פאָרויס בן גוריון, וועט זיי באמת ווערען גרין פאַר די אויגען און זיי וועלען דאָרט האבען א פנים ווי גרינע.

די רעוויזיאָניסטען, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ווילען שאַפען א נייע אונאָבהענגיגע ציוניסטישע פּאַרטיי, איז כאָטש זיי געהען אָנגעטהון אין ברוינע מונדירען, וועט זיי נאָך פריהער גוט גרין ווערען אונטער די אויגען, ביז זיי וועט געלונגען צו שאַפען די גרויסע מעכטיגע וועלט-אָרגאַניזאַציע ווי זיי שטעלען זיך דאס פאָר. וועט עס זיי אָבער יאָ געלונגען, וועלען די לינקע ציוניסטען ווידער גרין ווערען פאַר כעס.

דעם ברוינעם היטלער ווערט גרין פאַר די אויגען, זעהענדיג, אַז די גאַנצע וועלט איז מיט איהם ברוגז געוואָרען' און ער? ער מאַכט א יראת-שמים פנים'על, אַז ער מיינט נאָר שלום און מאַכט אַ גרין חנ'דעלע צו דער וועלט.

די, וואס זענען נישט מסכים מיט היטלער'ס טעאָריע אין דריטען רייך, מאַכט מען זיי גרין.

מיט'ן שענדליכען טראַנספעריזם, וואס אונזערע ארץ-ישראל-יודען פיהרען מיט היטלער'ן, פערשוואַרצען זיי אונז דאס פנים און די יודען פון דער גאַנצער וועלט צוקוקענדיג דאס ווערט גרין פאַר די אויגען.

אונזערע שילער, וועלכע דאַרפען בעקומען מאַטורעס, פייניגט מען אזוי, אַז זיי ווערען פריהער גרין, און טאָמער חס ושלום פאַלט עמיצער אַדורך און האַלט נישט אויס די מאַטורע, האט ער א פנים פון אַ גרינעם.

ווען יודען ווילען שפּאַצירען אין די שטאָדט-פּאַרקען, כדי צו געניסטען פון די גרינע ביימער, קומען צו געהען כוליגאַנעס און מאַכען זיי גרינע צייכענס אונטער די אויגען...

אונזערע שטאָדט-טאַטעס האבען בעוויזען מיט זייער אָבשטימען אין שטאָדט-ראַט בעת דער פראַגע וועגען עלימינירען די יודען פון דער פּאָבאָרקאָמיסיע, אַז זיי זענען אין דער היגזיכט צו פערטיידיגען שטאָלץ און מוטיג דעם יודישען כבוד נאָך גרינע...

די אַלע, וועלכע וואַרטען אויף סערטיפיקאַטען און מיינען, אַז אָט-אָט פאָהרען זיי שוין, זייט וויסען, אַז עס וועט זיי פריהער זיין גרין פאַר די אויגען, ביז זיי וועלען האבען די זכיה צו זעהען פאַר זיך ארץ ישראל.

דאַרף עמיצער אָנצוקומען אין פּאַלעסטינא-אמט, ווערט בעשטימט איהם גרין פאַר די אויגען, ביז ער האט די זכיה, אַז מען זאָל מיט איהם רעדען.

די מענער ווערט גרין פאַר די אויגען דערמאַנענדיג זיך, אַז זיי מוזען אוועקשיקען זייערע ווייבער אויף דאַטשע.

די מיידלעך, אונזערע פּאַניענקעס, וועלכע פאָהרען אויף וויטשעטשקעס לעבען אַ וועלט, זענען מרעיש עולם, און שפעטער, אַז זיי קומען צוריק, ווערט זיי אויך נעבעך גרין פאַר די אויגען...

אונזערע מאַרק-שטעהער, וועלכע מען האט פערטריבען פון נייעם און אַלטען מאַרק, און געבליבען זענען אויפ'ן אַלטען מאַרק נאָר די הענדלער מיט גרינס און די איבריגע מוזען געהען קיין זאַוואָדע, ווערט זיי גרין פאַר די אויגען. זענען זיי זיך דאָך משתדל, אַז מען זאָל נאָך אַנדערע בראַנזשעס אויך לאָזען שטעהן אויפ'ן אַלטען מאַרק, לויפען זיי טאָג-טעגליך מיט אינטערווענצען אין מאַגיסטראַט און צום סטאַראָסטוואָ, לויפען זיי אזוי לאַנג, ביז ס'ווערט זיי גרין פאַר די אויגען...

די היינטיגע סוחרים מאַכען אַזעלכע גוטע געשעפטען, אַז ווען זיי דאַרפען צאָהלען א וועקסעל, ווערט זיי פריהער גוט גרין פאַר די אויגען.

די האַנדווערקער האבען בעשלאָסען אויפצובויען אַן'אייגענע געביידע. דאַכט זיך מיר, אַז זיי וועט נאָך פריהער גוט גרין ווערען פאַר די אויגען, ביז זיי וועלען לעגען דעם ערשטען שטיין.

דאס זעלבע איז מיט'ן בוי-קאָמיטעט פון יודישען גימנאַזיום, כאָטש ווי מיר האבען געהערט אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, אַז דער בוי-קאָמיטעט האט שוין א גרויסע סומע אויף צו קויפען א פּלאַץ און אַט וועט מען באַלד אָנהויבען בויען, פונדעססוועגען דאַכט זיך מיר, אַז ביז עס וועט זיין פערטיג דער בנין, וועט זיי נאָך גוט פריהער גרין ווערען פאַר די אויגען.

די קראַנקע, וואס דאַרפען אָנקומען צו דער קראַנקען-קאַסע, ווערט פריהער גרין פאַר די אויגען, ביז זיי בעקומען א דאָקטאָר.

דעם רעזשיסער פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער, איז נעביך גרין געוואָרען פאַר די אויגען, ביז ער האט די זאַך איינרעפּעטירט און ביז ער וועט זי זעהן אויף דער סצענע וועט איהם נאָך פריהער גרין ווערען פאַר די אויגען...

די וואַרשאַווער רבנים, וועלכע האבען אונטערגעשריבען דעם „קרן-קימת"-אויפרוף האבען פון די אגודה-יונגע לייט בעקומען גרין אונטער די אויגען.

ביז די יודישע אַרבייטסלאָזע בעקומען אַרבייט אין יודישע אונטערנעמונגען, ווערט זיי פריהער גרין פאַר די אויגען.

אָנצוגרייטען אויף יום טוב, ווערט נעביך פריהער גרין פאַר די אויגען.

מיר ווערט פריהער גרין פאַר די אויגען, ביז איך קאָן צוזאַמענשטעלען א פעליעטאָן וועגען גרינס.

אויך ווערט מיר גרין פאַר די אויגען, ביז איך בעקום אַרויס א פּאָר גראָשען פון מיין רעדאַקטאָר.

ווי איהר זעהט, פעהלט נישט קיין גרינס. אַלס און אַלעמען ווערט גרין. די גאַנצע וועלט איז בעדעקט מיט בלויז גרינס...

סמאַל.

יוסף שאַיאַ ווייעלון.

וואָס ווילען די ציוניסטישע מאַסען?

מען פיהלט, מען זעהט בעשיינפּערליך, ווי דער אינטערעס פון אַלע יודישע שיכטען וואַקסט בנוגע דעם ציוניסטישען קאָנגרעס. שטאַרקער, ווי ביז היינט, זעהט מען, וועלען זיך די יודישע מאַמען בעטייליגען אין די וואַהלען צום 19-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וואָס עס בעווייזט דער מאַסען-אויסקויף פון שקלים, אפילו דאָרט, וואו ביזהער האט מען געקוקט אויף אַ שקל, ווי אויף אַ אויסטערלישער זאַך.

דער שקל איז געוואָרען א דבר שוה לכל נפש — אַנ'אַרטיקעל פון ערשטען געברויך און דאָס נישט קוקענדיג דערויף, וואָס עס ווערט געפיהרט אַ געגען-אַגיטאַציע, וואָס מען פּרובט איינרעדען די מאַסען, אַז מען דאַרף דעם שקל נישט אויסקויפען, ווייל דער קאָנגרעס איז נישט דער דאָזיגער וואָס אַמאָל, ער איז פערכאַפּט דורך אַ ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער ריכטונג און רעפּרעזענטירט נישט דעם ווילען פון דער ציוניסטישער וועלט.

די יודישע מאַסען ווילען אָבער פון דעם נישט וויסען. זיי פיהלען אינסטינקטיוו, אַז דער קאָנגרעס איז דער איינציגער לעגאַלער יודישער פּאַרלאַמענט און קיין אַנדערער דאַרף און טאָר נישט עקזיסטירען, ווער שמועסט צוויי אוודאי נישט. איין פאָלק און איין פּאַרלאַמענט. און ווען דער דאָזיגער קאָנגרעס איז נישט אַזוי ווי ער דאַרף זיין, מוז מען קעמפען אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַר זיין אויסבעסערונג, אָבער אויף קיין פאַל טאָר מען נישט שפּאַלטען, צעברעכען די ציוניסטישע איינהייט, וואָס איז אומגעהויער שעדליך און געפעהרליך.

נישט דאָס אַליין נאָך זענען אויסען די ברייטע יודישע מאַסען, ווען זיי שטעלען זיך ווי דיסציפּלינירטע סאָלדאַטען הינטער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיי ווילען אויך, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל פיהרען איהר אַרבייט אין אינטערעס פון גאַנצען פאָלק, וואָס ס'ליגט אויך אין אינטערעס פון ארץ-ישראל.

די יודישע מאַסען ווינשען זיך, אַז די ציוניסטישע אויבער-לייטונג זאָל אַרומנעמען אַלע טיילען פון פאָלק און זיין פערטרעטען פון אַלע שיכטען, וואָס זענען מורה אין דער אויפלעבונג פון יודישען פאָלק און לאַנד.

די יודישע מאַסען פערשטעהען נישט, ווי אַזוי קען ארץ-ישראל ווערען אויפגעבויט, ווען עס זאָל מיט איהם אָנפיהרען א קלאַס, וואָס וויל בעהערשען די אַנדערע קלאַס, זי אַרויסשטויסען, פערדרענגען פון דער ציוניסטישער מיטאַרבייט — אַז אַזאַ קלאַס זאָל זיין די טאָן געבערין, זאָל שטעהן אין שפּיץ פון דער אָנפיהרונג.

עס קען דאָך נישט ערוואַרבען ווערען אַ לאַנד, ווען די פרייוויליגע זעלנער, אויף וועמענס פרייוויליגקייט מען לייגט די גאַנצע האָפנונג, זאָל אַנשטאַט האָבען אין זין דעם שונא, גאָר אַרומרייסען און אַרומהרג'ענען צווישען זיך אַליין, אַז נישט יענער זאָל ערוואַרבען די פּאָזיציע, נאָר ער.

דער ציוניזם פון די ברייטע מאַסען בערוהט אויפ'ן נאַציאָנאַלען כח, אויף דער בעפרייאונגס-בעוועגונג, וועלכע בויט ארץ-ישראל פאַר אַלע יודען. דערפאַר פערשטעהט ער נישט, ווי מען קען און ווי מען מעג פון דער גרויסער הייליגער בעוועגונג מאַכען אַ פּראָלעטאַרישע קלאַסען-בעוועגונג, א בעוועגונג, וואָס האָט אין זין צו פערווירקליכען אַנ'אַנדערען אידעאַל, ווי דעם ציוניסטישען, אַ בעוועגונג, וואָס שטעלט העכער דעם סאָציאַליזם איבער דעם ציוניזם און וואָס פיהרט אַ געפעהרליכע העצע און אַנ'אַרויסשטויסונגס-פּאָליטיק געגען אַזעלכע, וועלכע ווילען נישט מודה זיין איהר צווייטען נישט-ציוניסטישען אידעאַל.

פאַר די ברייטע מאַסען איז ארץ-ישראל און דער ציוניסטישער קאָנגרעס נישט קיין אָביעקט פאַר פּאַרטיי-העגעמאָניע און איבערהערשאַפט, נאָר א רעטונג און אַנ'ערלעזונג פאַר'ן גערודפ'טען יודישען פאָלק.

אין ציוניזם מוז אַלזאָ דער לעבענסווילען פון יודישען פאָלק אַלס גאַנצעס קומען צום אויסדרוק, נישט אַלס קלאַס. דער ציוניזם מוז זיין אויפגעבויט אויף פולע גלייכבערעכטיגונגס-יסודות, עס קען נישט זיין קיין הערשער און בעהערשטע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע, מעהרהייט און מינדערהייט. עס דאַרף הערשען דער גייסט פון סאָלידאַריטעט, קאָנסאָלידאַציע און צוזאַמענאַרבייט פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען.

דאָס איז עבען דאָס בעשטרעבען פון אַלגעמיינעם ציוניזם פון וועלט-פערבאַנד (נישט צו פערגלייכען מיט דער אַזוי-גערופענער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע-גרינבוים'ס „על המשמר", וואָס איז נישט מעהר ווי א נאָכשלעפּער נאָך די לינקע).

דערפאַר געווינט דער אַלגעמיינער ציוניזם פון וועלט-פערבאַנד וואָס אַמאָל מעהר אָנהענגער און עס וואַקסען זיינע רייהען.

דער אַלגעמיינער ציוניזם פון וועלט-פערבאַנד איז דער אויסדרוק פון דער נשמה פון פאָלק פון די ברייטע מאַסען.

ער איז די ריינע דעמאָקראַטישע בעוועגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער בעקעמפט יעדע מין דיקטאַטור, פון וועלכע ריכטונג זי זאָל נישט זיין.

דער אַלגעמיינער ציוניזם בעשטרעבט צו שאַפען דעם איינהייטס-פּראָנט אין דער ציוני. אָרגאַניזאַציע, צו שטאַרקען איהר אָנזעהען און צו הויבען איהר אויטאָריטעט.

דער אַלגעמיינער ציוניזם וויל אַלזאָ זעהען א פרייע כוחות-צוזאַמענשמעלצונג, ווייל נישט און וועט נישט דערלאָזען, אַז עקסטרעמיסטען, אומאָבהענגיג פון וועלכען פליגעל זיי זאָלען נישט זיין, זאָלען האָבען די מאַכט איבער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; פערלאַנגט אַנ'עקזעקוטיווע, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירען אַלע קאָנסטרוקטיווע כחות אין ציוניזם פון וועלכע עס זאָל זיך בילדען א שטאַרקע אָרגאַניזאַציע און מעכטיגע פּאָליטישע קראַפט אין ארץ-ישראל און עס זאָל רעגירען דאָס י ו ד י ש ע פ אָ ל ק, נישט עס זאָל רעגירען אַ ק ל אַ ס.

פ. בלומענקראַנץ.

די לערע פון טהאַט.

(רעפלעקסען).

דער גוט-בעקאַנטער, אַזויפיל אַריינגע'חקרנט'ער זאַץ, דורך וועלכען די יודען האָבען אויסגעדריקט זייער הסכמה צו נעמען אויף זיך דעם עול פון דער הארבער תורה - עטיק; דער כאַראַקטעריסטישער, צווייווערטערדיגער זאַץ: „נעשה ונשמע", וועלכער ווערט פון איין זייט געלויבט אַלס סוד פון די מלאכים און פון דער אַנדערער זייט בעטראַכט אַלס פּועל-יוצא פון איילעניש, נישט פּראַקטישקייט און עמא-פּזיאָזא'דיגקייט (שבת פ"ח) — אַט די דאָזיגע צוויי ווערטער זענען תמיד גורם געוועזען געוויסע נאָכטראַכטונגען, אויב מ'שטעלט זיך כאָטש עטוואָס אָב אויף זיי.

די, וואָס ווילען אויסטייטשען דעם דאָזיגען אויסרוף אַלס פּשוט'ער עקסטאַז-אויסברוך זענען אפשר עפּ"י פּשט גערעכט.

אָבער נישט זייענדיג אפילו גענייגט צו „פּרדס"-אויסטייטשונגען, ווייל זיך זאָגען, אַז אין דאָזיגען התלהבות-אויסגעשריי, האָבען יודען — אפשר נישט בכונה — אויסגעדריקט דעם קווינטעסענץ פון דער יודישער איינשטעלונג, פון יוד. קוק אויפ'ן לעבען, וואָרום דער עיקר איז אין דער יודישער עטיק דער טהאַט ואידך זיל וגמור.

* * *

דאָס שטעלען דעם עיקר-טראָפּ אויפ'ן טהאַט, אויפ'ן „נעשה"; דאָס מעסטען די ווערטפולקייט פון געגעבענעם מענש לויט זיינע מעשים, האָט טאַקי פערנומען דעם אויבען-אָן אין דער ענטוויקלונג פון יוד. גייסט און מאָראַל. וואָרום די יודען זענען כמעט אין קיין שום צייט נישט פערבליפט געוואָרען פון חריפות (מיט'ן אויסנאָם פון א געוויסער צייט אין מיטעל-אַלטער). די קנה-מדה פון חשיבות איז נישט געווען דער סכום וויסען, ווייל ידיעות האָבען נור געקאָנט דינען אַלס משחה לאַפּנים, אַלס ציעל צום עיקר,

וואָס איז דער טהאַט.

דעריבער ווען מיר גיבען זיך אָב פון אַקאַרשט געזאָגטען אַ שטיקעל חשבון, ווערען אונז פערשטענדליכער און נעהנטער די אַלטע יודישע געלעהרטע וועלכע — אפילו די גרעסטע פון זיי — האָבען בעזיצען אַ רעאַלען חוש פאַר'ן אַרום און מיט פיעל קענטניש אָבסערווירט דאָס טאָג-טעגליכע לעבען, רעכנענדיג זיך תמיד מיט די אַלגעמיינע, פּאַקטישע געברויכען און מעגליכקייטען (אין גוזרין גזירה על הצבור אלא אם כן רוב צבור יכולין לעמוד בה).

* * *

בעטראַכטענדיג דעריבער דאָס יוד. לעבען און התנהגות פון „טהאַט"-שטאַנדפּונקט ווערט אונז קלאָר דער גרויסער דראַנג פון יודען צום לעבען, די אויסערגעוועהנליכע צוגעבונדענקייט און דורשט צו קאָנטינואירען זייער קיום.

זעהר אויבערפלעך און אונבעגרינדעט איז דער פּאָרוואורף פון פיעל פלאָפּלער, אַז יודען זענען פּחדנים. וואָרום די מורא זייערע האָט אַ טיפערען יסוד, ד. א. די שרעק, אַז זיי וועלען בערויבט ווערען פון די טהאַט-מעגליכקייטען, פונ'ם יכולת צו מעשים.

דער בולטסטער בעוויז געגען דעם דערמאָנטען פּאָרוואורף זענען דאָך די טויזענדער פאַקטען, ווען יודען האָבען מיט שמחה איבערגעריסען זייער לעבען וויסענדיג, אַז זיי וועלען נישט האָבען קיין ווייטערדיגע מעגליכקייט צו קאָנטינואירען די טהאַטען, וואָס האָבען דעמאָלט געפונען זייער אויסדרוק אין רעליגיע.

דער פּאָרמול „טוב לכלב חחי מאריה המת" זאָגט אַמשטאַרקסטען וועגען דער גרויסער חשיבות פון לעבען ביי יודען, וועגען דער צוגעבונדענקייט צו איהם, וואָס איז אַ פּועל-יוצא פון דער דערמאָנטער איינשטעלונג.

פּחדנות — איז שרעק פאַר וועהטאָג, מורא פאַר קאָנסעקווענצען, פאַר'ן עווענטועל קומענדיגען. יודען אָבער איינצייטיג מיט זייער פּיעטיזם פאַר'ן קיום, האָבען זיי געהאַלטען, אַז אונזער וועלט איז נור אַ פּרוזדור צום טרקלין, נישט שטאַרק מורא האָבענדיג פאַר'ן טויט. און פונדעסטוועגען מעג מען לויט'ן יודישען דין עובר זיין אויף איינעם פון די גרעסטע עקרים פון דת, ווי שבת, אויב מ'קען אַ מענש דערהאַלטען איין סעקונדע אין דאָזיגען פּרוזדור, ווייל ווירקען, טהאַט איז נור פערהאַן אויפ'ן דאָזיגען עמק-הבכא'דיגען פּרוזדור, (במתים חפשי, כיון שמת נעשה חפשי מן המצוות).

* * *

און אויב מ'בעטראַכט ווייטער דאָס יוד. לעבען פון דאָזיגען קוק-ווינקעל ווערען אונז א סך ערשיינונגען און איינשטעלונגען פערענטפערט.

כאָטש איין ביישפּיל:

צוליב דער גרויסער ווערט פון לעבען זענען יודען תמיד געווען געגנער פון פּאָפּולאַציע (פערשטעהט זיך, אַז פּערצייטענס אין איהר פּרימיטיווער פאָרם), אויפגעוויזען די שעדליכקייט פון צעליבאַט, נישט לאָגישקייט פון שפּעטע חתונות און נישט אויסגעהאַלטענקייט פון נזירות א. ז. וו. א. ז. וו.

און להיפך צו דער קריסטליכער פּאָזיטיווער בעציהונג צו צעליבאַט, דערציילט דער תלמוד, אַז גאָט וואַרט ביז צוואַנציג יאָהר אפשר וועט דער מאַן חתונה האָבען, קומט אָבער די צייט און ער האָט נישט חתונה, שעלט איהם גאָט (קדושין כ"ט.) להיפך צו דער קריסטליכער בעגייסטערונג פון נזירות זאָגט דער תלמוד, אַז דער וואָס זאָגט זיך אָב פון וויין-טרינקען ווערט אָנגערופען חוטא (וכפר עליו מאשר חטא על הנפש. וכי באיזו נפש חטא ? אלא שציער עצמו מן היין (נדרים י', נזיר י"ט, כ"ב א. א.)

און אזוי ווי די בעציהונג צום וויכטיגען געביט פון פאַמיליען-לעבען, וואָס איז דער יסוד פון דער געזעלשאַפט, איז אויך די זעלבע בעציהונג צו אַלע אַנדערע גרונד-און בעגלייט-ערשיינונגען, וואָס זענען תמיד בעטראַכט געוואָרען פון רעאַלען לעבענס-שטאַנדפּונקט און באַזירען אויף פאָדערונגען און בעדערפנישען שטענדיג אַקטועלע, אָדער יעדענפאַלס דיקטירטע דורך די געברויכען פון דער געגעבענער צייט און דעמאָלסדיגע בעדינגונגען.

* * *

און מיר היינט ?

מיט דעם בעוואוסטזיין וועגען דער גרויסער ריינענדיגער בעדייטונג פון טהאַט מוזען מיר ווייטער געהן אונזער וועג און נישט ווערען אבהענגיג צוליב'ן אַרומיגען אכזריות.

מיר מוזען געדענקען, אַז מיט דער אונאויפהערליכער שטרעבונג צו פערבעסערונג, צו פערשענערונג פון אונזער טנופת'דיג לעבען, זענען מיר דערמיט ממשיך די בעמיהונגען און הייליגע בעגערען פון די גרויסע גייסטער אין אַלע צייטען און לענדער, פון די אמת'ע גרויסע לעבענס-שמידער פון אַלע תקופות, וועלכע האָבען געטראַכט לויט דער בעקאַנטער דעוויז פון געטע'ן, „אַז דאָס וואָס בעלערנט נור און דערפיהרט נישט צו מעשים איז פערפיינדעט".

דער דאָזיגער טיפער געטע-געדאַנק פּאַלט זיך כמעט צונויף מיט'ן תלמוד'ישען רעיון פון „מחשבה טובה מצטרפת למעשה" (קדושין מ',) ד. ה. ווען דער געדאַנק דערפיהרט צום טהאַט, ווערט ער צוגערעכענט, אָבער ער בעקומט נור דעמאָלט תקון, ווען ס'ווערט פון איהם מ ע ש ה, פ אַ ק ט.

וואָרום דער אויסגאַנג און ענדציעל פון אַלע אונזערע בעמיהונגען דאַרף זיין דער גוטער טהאַט, די ווירקליכע פערבעסערונג און פערשענערונג פון לעבען...

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

זשאַבאָטינסקי, יודיש מיליטער, גערעדט אויף דייטש.

דער „יודענפריינדליכער" „גאָניעץ" ווידמעט אויך אַ פּאָר שורות דעם בעזוך פון זשאַבאָטינסקי'ן אין טשענסטאָכאָוו. היות ווי דער „גאָניעץ" האָט נישט צוגעשיקט קיין פּאַרשטעהער, נישט אין... קבלת-פנים-קאָמיטעט און אויך נישט אויף דער פּאָרלעזונג, האָט ער געמוזט שעפּען זיינע ידיעות פון אַ סאָסנאָווצער צייטונג.

און אָט וואָס דער „גאָניעץ" ווייסט צו דערצעהלען: ס'איז געקומען זשאַבאָטינסקי, דער פיהרער פון יודישען מיליטער מיט די ברוינע מונדירען און האָט געהאַלטען אַ רעדע אין דער ד י י ט ש ע ר שפּראַך.

דערביי אָבער פערגעסט ער נישט צוצוגעבען (שוין פון אָרטיגע קוועלען) וועגען דעם קבלת-פנים, וואָס די יודישע יוגענד האָט געמאַכט זשאַבאָטינסקי'ן ביי דער באַהן און דער „גאָניעץ" רייבט זיך די הענד פאַר נחת, וואָס ער האָט אַ געלעגענהייט אַ טשעפּע צו געבען די יודען.

דאָס מאָל האָט אונזער יוגענד געגעבען מאַטעריאַל דעם „גאָניעץ" צו קענען שרייבען זיין העצע געגען יודען.

פלאַטש אי פלאַטש.

ווען די שטייער-שרויף איז שוין געווען אנגעצויגען איבער'ן האַלז, און הונדערטער מויזענטער האָבען שוין אינגאַנצען אויפגעהערט צו צאָהלען, האָט מען אַרויסגעגעבען אַ הנחה, דהיינו: אַז די יעניגע, וועלכע האָבען בעצאָהלט פאַר'ן 1934-טען יאָהר, וועט מען שענקען די פערלעגענע חובות, און אַ טערמין האָט מען אַרויסגעגעבען ביז דער און דער דאַטע.

ס'פערשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער רעצעפּט האָט געהאָלפען, און מענשען, וועלכע האָבען שוין רעזיגנירט ווען ס'איז אַמאָל צו בעצאָהלען דעם באַרג חובות, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אויף זייערע פּלייצעס, האָבען צוזאַמענגענומען זייערע לעצטע כחות און געלאָפען, איך סקאַרב אַריין בעצאָהלען, אַבי צו בלייבען כאָטש אַ ריינער אַריִמאַן, אָהן נאָכווייהען. אַזוי ווי ס'איז אָבער שווער צוזאַמענצוקראַצען די פּאָר גילדען, האָט עס זיך געשלעפּט ביז'ן לעצטען טאָג, וואָס איז אויסגעפאַלען דעם לעצטען פרייטאָג, דעם 31-טען מאַי.

איז אַ גאַנצען פרייטאָגדיגען טאָג דער סקאַרב געווען איבערפולט פון פלאַטניקעס, וועלכע האָבען זיך געשטיפּט צו די קאַסע-פענסטערלעך און אַברעגולירט זייערע חובות. עס איז דאָך פאַר איך קלאָר, אַז 90 פּראָצענט פון די צאָהלערס זענען געוועזען אחינו בני ישראל, וועלכע האָבען זיך געשטיפּט און געשטויסען און מיט תחנונים זיך געבעטען, אַז מען זאָל בעוויליגען ביי זיי צוצונעמען די פּאָר גרייצער.

צוקוקענדיג זיך צו דעם דאָזיגען בילד, האָט איינער זיך אויסגעדריקט, אַז ד'א קאָן מען בענוצען דאָס ווערטיל: פלאַטש אי פלאַטש, וואָס ס'הייסט: וויין און צאָהל...

„מיר איז וואויל, איך בין א רעוויזיאָניסט".

ס'דערגעהנטערען זיך די וואַהלען צום 19-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, און היות ווי יעדע פּאַרטיי וויל האָבען אַלץ מעהר שטימען, כדי צו האָבען מעהר דעלעגאַטען און צו קענען פערכאַפּען די גאָלדענע שיסעל פון ארץ-ישראל-אויפבוי, בעמיהט מען זיך צו פערקויפען אַלץ מעהר שקלים, כדי צו האָבען זיינע אַנהענגער.

קומט מען מיט שקלים צו סתם-יודען (די אייגענע חברים בעקומען די שקלים ס'רוב אומזיסט...) וועלכע קענען זיך דערפון נישט אַרויסדרעהען, מוז מען אַרויסנעמען דעם זלאָטי מיט 20 גראָשען און לאין ברירה נעמען אַ שקל. אוודאי פּרובירט מען זיך צו דינגען און ס'רוב מאָל געלינגט עס אַראָבצוהאַנדלען. לעצטענס אָבער נאָך זשאַבאָטינסקי'ס דאָ-זיין, ווען ער האָט הויך און אָפען געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט קויפען קיין שקלים, זענען א סך יודען געפאַלען אויף אַ המצאה. צו וואָס קויפען א שקל, צו-וואָס, צו-ווען ? איך בין אַנ'אָנהענגער—שרייען זיי—פון זשאַבאָטינסקי'ן, איך בין אַ רעוויזיאָניסט און קויף נישט קיין שקל...

מילא, די, וואָס האָבען שוין געקויפט א שקל, איז פערפאַלען, אָבער די, וועלכע האָבען נאָך נישט געקויפט, האָבען יעצט א וואוילען אויסרייד: „איך בין א רעוויזיאָניסט, איך קויף נישט קיין שקל"...

אויך א קאָנקורענץ...

עטליכע יודישע סוחרים, איבערהויפּט פון דער אַלטע, האָבען בעשלאָסען צוליעב דעם קריזיס און איבערהויפּט צוליב דעם, וואָס ענליכע געשעפטען פון נישט-יודען זענען אָפען שבת, וואָס איז פאַר זיי אַ קאָנקורענץ, אויך צו עפענען זייערע קראָמען שבת. האָבען זיי דאָך געמיינט, אַז זיי וועלען זיין די איינציגע און וועלען כאַפּען א פּדיון. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז זיי זענען נישט קיין בני-יחידים, ווייל ס'עפענען זיך אַלץ מעהר יודישע געשעפטען אין שבת.

די וואָס האַלטען אָפען די געשעפטען שוין א לענגערע צייט זענען ברוגז אויף די יעניגע, וועלכע עפענען איינציגווייז זייערע געשעפטען אין שבת זעהענדיג אין זיי די אמת'ע קאָנקורענץ.

איז דאָס אמת?...

אין גאָט ווי אויך אין אַלע בתי-מדרשים, שטיבלעך און מניגים. האָט זיך בעוויזען פאָלגענדער אויפרוף פון היגען ראַבינאַט:

„ב ע ק אַ נ ט מ אַ כ ו נ ג. דער ראַבינאַט איז מודיע דער היגער יודישער בעפעלקערונג, אַז די שחיטה פון מ א י ר ש ל מ ה ה י ר ש וואַרשאַווער גאָס איז נ ב ל ה ו ט ר פ ה און די אַלע, וואָס שחט'ען ביי איהם, עסען ט ר פ ו ת. ה ר ב ו ב ד" צ ער"ח סיון תרצ"ה.

האָב איך געקוקט אויף דער בעקאַנטמאַכונג און נישט געקאָנט אין דער ערשטער מינוט זיך דערמאָנען, ווער ס'איז דאָס דער מאיר שלמה הירש, וועלכער שחט אויף טרפה און איז מאכל נבלות וטרפות, ביז מען האָט מיר ערשט אויסגעזאָגט, אַז דאָס מיינט מען דעם געוועזענעם בעל-קורא פון דער שטאָדט-שוהל, וועלכער האָט געהאַלטען די „בעריהמטע" רעדע וועגען רמב"ם, דער, וואָס פּראָקלאַמירט זיך אַלס א רבי, א יודע ספר, א למדן גדול און שאָקעלט מיט די עמודי הברזל פון דער תורה. אָט דער חברה-מאַן, זאָל זיין אַזאַ הפקר-יוד, וואָס זאָל א שטאָדט מיט יודען מאכל טרפות זיין ?

וואָס טהוט זיך דאָ אייגענטליך ? אָט דער זעלבער מלמד-„רבי", וועלכער האָט געלערנט מיט זיינע קליינע און

גלייכווערטלעך לכבוד שבועות.

פון יחיאל טשענסטאכאווער.

די ששים ריבוא מלאכים בעת מתן־תורה.

בעת דער היגער רב שליט"א האט אין יאהר 1894 איבערגענומען דאס טשענסטאכאווער רבנות, האבען די ראשי־הקהלה און כלל־טהוער זיך פאר איהם אויפגעוויזען בסך־הכל מיט דער איינציגער היגער געזעלשאפטליכער אינסטיטוציע—„תלמוד תורה", וועלכע האט זיך געפינען אויף דער גארנצארסקי גאס, וואו עס האבען געלערנט אנ'ערך 260 ארימע קינדער אין 2 קליינע שטיבען, וואס האבען אויסגעזעהען ווי א חורבה. די קינדער האבען געטראגען אבגעריסענע מלבושים און געווען בלאס און אבגעצעהרט פאר הונגער.

אין דער דרשה, וואס דער רב האט דאמאלס געהאלטען אין דער „תלמוד תורה", האט ער צווישען אנדערען אויך געזאגט: עס פרייט מיך זעהר, וואס איהר טשענסטאכאווער כלל - טהוער, געהט אין רבש"ע־דרך. בעת ג—ט האט געגעבען די תורה אויפ'ן בארג סיני, זאגט די גמרא, אז עס זענען דארט אויך מיטגעווען ששים ריבוא מלאכים. שטעלט זיך דעריבער א פראגע, נאכוואס האט מען דאס געברויכט אויפ'ן בארג סיני צעהנדליגער טויזענדער מלאכים? מילא, דאס וואס עס האבען זיך דארט געפינען אלע יודען, איז נאך צו פערשטעהן—כדי אלע זאלען זיין בעת קבלת התורה און נישט קענען שפעטער זאגען, אז ווען זיי וואלטען געווען ביי מתן־תורה, וואלטען זיי נישט מסכים געווען דערצו; אבער די מלאכים, וועלכע האבען צו דער תורה קיין שום שייכות נישט, נאכוואס זענען זיי מיטגעקומען מיט'ן רבש"ע און דאס אין אזא גרויסער צאהל?

דער תירוץ—האט דער רב געזאגט—איז דער: די מלאכים ברויכען נישט צו עסען, אויך נישט קיין קליידונג, וועמען קען עס דעריבער שאדען אז זיי זענען ביי קבלת־התורה אין די צעהנדליגער טויזענדער; קיין איבריגע קאסטען מאכען זיי נישט, טא זאל די שמחה אויסזעהען שענער—ברוב עם הדרת מלך, (אזוי איז אויך יעצט, למשל, מיט די מאדערנע חתונות: קומט די חופה פאר ביי די מחותנים אין דערהיים, וואו עס ווערט אויך געמאכט א חתונה־מאלצייט, ווערען געבעטען נאר א קליינע צאהל געסט, די נאהנטסטע, ווייל עס קאסט דאך געלד; דאגעגען אבער, אויב די חופה איז ביים רב אין דער וואוינונג, ווערען איינגעלאדען די גאנצע משפחה, בעקאנטע, גוטע פריינד א. א. וו.—אז קיין הוצאות קאסטען די געסט נישט, טא וועמען קען עס שאדען, אז זיי זענען אין א גרויסער צאהל... בעמערקונג פון י. טש.)

דאס זעלבע זאגט דער רב—איז ביי אייך אין דער „תלמוד תורה", אין וועלכער, ווי איהר ווייזט מיר, ס'לערנען זיך בחנם א גרויסע צאהל ארימע קינדער. עסען גיעט איהר זיי נישט, אויך נישט קיין מלבושים, נאר אין צוויי חדרים, וואו עס דארפען זיך לערנען אנ'ערך 50 קינדער, האט איהר אריינגעזעצט 260, געהט איהר דאך אין דעם זעלבען דרך, וואס דער רבש"ע בנוגע די מלאכים אויפ'ן בארג סיני—אט דאס געפעלט מיר זעהר...

די פערזאמעלטע האבען פערשטאנען דעם רב'ס אנצוהערעניש און גלייך אויפ'ן ארט האט דער היגער גביר אברהם מארקוספעלד (דער פאטער פון בעוואוסטען נדבן הענריק מארקוספעלד) מנדר געווען שיכלעך פאר אלע ת"ת־קינדער, אויך די גבאים הירש וויערניק און ירוחם הערץ האבען זיך געלאזט איבער דער שטאדט זאמלען סחורה און געלד אויף מלבושים און אין גאר א קורצער צייט זענען אלע קינדער בעקליידט געווארען.

ווען די תורה איז אנ'אשת־איש...

דער ס—ער גאון איז געווארען אנ'אלמן און מ'האט איהם גערעדט שדוכים. די קינדער זענען נישט געווען דערפון צופרידען, און איינער פון די זיהן ר' דוד'ל האט איבערגענומען די מיסיע איבערצורעדען מיט'ן פאטער וועגען דעם. נישט זייענדיג אבער דרייסט דירעקט צוצוטרעטען צו דעם ענין, האט ער דאס געמאכט בדרך רמז, זאגענדיג, אז דער ר—ער רבי, בעת ער איז געווארען אנ'אלמן און שדכנים זענען געקומען איהם אנטראגען שדוכים, האט דעריף געענטפערט: איך דארף שוין נישט קיין שדוך, איך האב שוין חתונה געהאט מיט דער תורה — וארשתיך לי לעולם; דערמיט האט ר' דוד'ל געוואלט געבען אנצוהערען זיין פאטער, אז אויך ער זאל מעהר נישט חתונה האבען. דער גאון האט פערשטאנען דעם זוהנ'ס כוונה און געזאגט פערוואונדערט: אזוי דער ר—ער האט שוין חתונה געהאט מיט דער תורה, איז זי דאך שוין אנ'אשת־איש מיז איך דעריבער טהוען אנ'אנדערען שדוך...

דאס זיבעטע געבאט.

אויף א גביר, א גרויסען וואלד־סוחר, אנגעזעהענער חסיד פון לובלינער חוזה זצ"ל, האט מען מוציא שם רע געווען, און ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען איז עס געווען אמת. דער חוזה ז"ל האט געוואלט, אז דער גביר זאל צו איהם מעהר נישט קומען, און איבערגעגעבען זיין משמש מרדכי ראקאווער, אז ער זאל דאס איהם מודיע זיין אויף א „דעליקאטען" אופן.

שבועות, בעת אין לובלין זענען זיך צונויפגעפאהרען צום רבי'ן א גרויסע עדה יודען, דערונטער אויך דער אויבענדערמאנטער וואלד־סוחר חיים יוסף, און דער רבי ז"ל האט אנגעהויבען צו „פיהרען טיש", האט מרדכי ראקאווער זיך אנידערגעזעצט נעבען גביר. מרדכי האט געבעטען דעם חוזה ער זאל א י ה ם ערלויבען דעם היינטיגען שבועות צו זאגען תורה, אויף וואס ער האט די ערלויבניש בעקומען. מרדכי האט אנגעהויבען זיין תורה מיט פאלגענדע ווערטער: בעת קבלת התורה, זאגט די הייליגע גמרא, האבען זיך געפונען אויך אלע נשמות, וועלכע האבען געדארפט שפעטער ארויסקומען אויף דער וועלט. א פשיטא, אז אויך איך מרדכי ראקאווער בין דארט געווען. און אזוי ווי איך האנדעל היינט מיט יי"ש, ביער און ווייען, וואס איך פערקויף צום רבינ'ס טיש, פערשטעהט זיך אז דאמאלס ביי קבלת התורה האב איך געהאט א שענק נעבען בארג סיני. אזוי אבער ווי צום בארג סיני זענען דאמאלס געגאנגען צעהנדליגער טויזענטער יודען און זיך גערדרעהט אהין און צוריק ארום מיין שענק, איז מיר א שאד געווען איבערצולאזען אזא הרחבה, וואו מ'קען פערדינען א נישט־קשה'דיגע מטבע. איך האב זיך דעריבער מיישב געווען, איך וועל נישט געהן צום בארג סיני, בעסער בלייבען אין דער שענק; יערענפאלס מוזען דאך אלע יודען צוריקגעהן, און מן הסתם וועלען זיי ביי מיר אבטרעטען, כדי צו מאכען א כוסה, וועל איך דאך סיי ווי אלעס געוואויר ווערען וואס ס'איז דארט פארגעקומען.

דער מתן־תורה — זאגט ווייטער מרדכי ראקאווער — איז א חוץ דורך נסים אויך אדורכגעפיהרט געווארען לויט'ן היינטיגען סדר. יעדער פונקט, ד. ה. יעדע פון די עשרה הדברות בעזונדער איז געווארען אנגענומען איינשטימיג, מיט „נעשה ונשמע". געוועהנליך האט עס געדויערט א לענגערע צייט. מאנכע זענען גלייך נאך דעם ערשטען פונקט אוועקגעגאנגען, מאנכע ווידער שפעטער, ווי ס'פיהרט זיך ביי רוב קהלה־פערזאמלונגען. איינציגווייז האבען אנגעהויבען צו קומען אין מיין שענק צוריקגעהער פון בארג סיני און מיר איבערגעגעבען ווי עס האלט דארט. צו יעדען פונקט, דיבור ודיבור, האב איך מסכים געווען, זייענדיג צופרידען, וואס ער איז איינשטימיג אנגענומען געווארען: אוודאי דארף זיין א ג—ט, פאר וועלכען מ'ברויך מורא צו האבען; זאל יעדער יוד האבען א רוהע־טאג — שבת; זאל מען נישט פאלש שווערען, נישט גנב'ענען און רצח'נען און אזוי כסדר. מיט אמאל אבער קומען אן אנ'עדה יודען און דערצעהלען, אז יעצט איז אדורכגעגאנגען דער פונקט „לא תנאף". דאס האט מיך געטראפען ווי א דינער — וואס? — האב איך אויסגעשריגען — צו אזא זאך האט איהר מסכים געווען, וואו איז געווען אייער שכל? און איך האב אנגעהויבען צו ליארמען און פראטעסטירען בקולי־קולות, וויפיעל איך האב נאר געקענט.

וואס אמאל זענען אנגעקומען אלץ מעהר צוריקגעהער און עס האט זיך אנגעהויבען א גרויסער קאמף, אין וועלכען אלע פערזאמעלטע האבען אנטיילגענומען.

דער לעצטער איז אנגעקומען משה רבנו, וועלכער הערענדיג וועגען דער מרידה ביי מיר אין דער שענק, איז ער געווארען זעהר ערשטוינט. היתכן! — האט ער געפרעגט — ערשט האבען אלע מסכים געווען, געשריגען „נעשה ונשמע", פארוואס איז מיט איינמאל געווארען אזא ווידערשטאנד? געוואויר־ווערענדיג, אז איך מרדכי ראקאווער בין דער גאנצער רעוואלוציאנער און מיין גאנץ אונצופרידענהייט בעשטעהט נאר אין דעם זיבעטען געבאט, האט ער מיך אריינגערופען אין א בעזונדער חדר און געזאגט: מרדכי! ווי דיר איז בעקאנט, איז דאס איבערגעבען די תורה נישט אזוי לייכט אנגעקומען, קיין שום פאלק האט עס נישט געוואלט אננעהמען, סוף כל־סוף איז עס געלונגען איבערצוגעבען דעם פאלק ישראל, וועלכע האבען איינשטימיג דערצו מסכים געווען; מיט אמאל קומסט דו, מרדכי ראקאווער, און מאכסט צונישט דעם גאנצען ענין, על כן, מרדכי, אין בעצוג צו דיר וועט דער דאזיגער פערבאט נישט חל־זיין, געה־אריין און בערוהיג דעם עולם.

נאכדעם ווי מ'איז מיר ענטגעגען געקומען מיין פערלאנג, בין איך תיכף צוריק אריין אין דער שענק, בערוהיגט דעם עולם און אלע זענען אוועקגעגאנגען צופרידען.

דעריבער, יודען, זייט וויסען, אויב איהר האט עפעס געהערט וועגען מיר, אז איך זאל חלילה האבען געטהון א מעשה רע, זאלט איהר זיך נישט וואונדערן, ווייל איך האב דעריף א היתר, און—כ'מעג...

איצט — האט ווייטער פארטגעזעצט מרדכי ראקאווער, ווענדענדיג זיך צום וואלד סוחר חיים יוסף—זייט־זשע מוחל און דערצעהלט, ווי אזוי־ארום האט איהר בעקומען א היתר פון משה רבנו אויפ'ן זיבעטען געבאט?

דער גביר האט תופס־געווען די כוונה פון מרדכי ראקאווער און וואס ער איז אויסען געווען מיט זיין דרשה—שטילערהייט האט ער זיך ארויסגעשלייכט פון בית־המדרש און זייט דאמאלס זיך אין לובלין מעהר נישט געוויזען.

א קלוגער חזן גיט זיך אנ'עצה...

דער היגער בעריהמטער חזן אברהם בער בירענבוים איז אמאל די נאכט פון ערב שבועות געזעסען איבער א נייער קאמפאזיציע, וואס ער האט צוגעגרייט אויף „אז שש מאות". אלעס איז געווען אין ארדנונג, עס האט איהם אבער נאך צוגעפעהלט צו דער קאמפאזיציע די באסען־שטימע, וועלכע איז פון צופיעל אנשטרענגונג איהם ארויס פון זכרון און ער האט נישט געקענט די קאמפאזיציע ענדיגען. דא איז איהם אבער איינגעפאלען א גליקליכער געדאנק: ער איז צוגעגאנגען צום בעט, אויפגעוועקט זיין פרוי און געפרעגט: חנה, איך האב דיר היינט געגעבען עטליכע רובעל, אויף וואס האסטו זיי אויסגעגעבען? די פרוי, ווערענדיג איבערגעוועקט פון א הארטען שלאף און הערענדיג דעם מאנס שאלה, איז געווארען זעהר אויפגערעגט און ארויס אויף איהם מיט איהר באסאווער שטימע. שוין — האט דעריף בירענבוים געענטפערט — דו קענסט שוין רוהיג ווייטער שלאפען, איך האב מיך נאר געניטיגט אין א באסען־שטימע, מיט וועלכער דו האסט מיר יעצט ארויסגעהאלפען...

גרויסע תלמידים, אז א יוד מוז זיך האלטען אין די דינים פון שולחן ערוך, אז א יוד מוז זיין שטרענג רעליגיעז, אטא דער זאל אליין פורץ גדר זיין און אנהויבען קוילענען און דערמיט מאכל טרפות זיין? ניין, איך גלויב נישט, און דעריבער ווענד איך זיך צו אייך, „רבי", מאיר שלמה הירש, איז דאס אמת, וואס מען זאגט, אז איהר זענט געווארען א טרפה'נער שוחט? מיר ווארטען אויף אנ'ענטפער, ווייל מיר גלויבען נישט, אז איהר זאלט אויף דעם פעהיג זיין...

ספארטלער, אביסעל אנשטענדיגער!

מען דערצעהלט מיר וועגען אייך זאכען, וועלכע געפעלען מיר נישט. אט, למשל, גיט מען איבער, אז בעת ס'קומען פאר פריינדשאפטס - מעטשען צווישען „מכבי" מיט „בליסקאוויצא", פערענדיגען זיי זיך מיט געשלעגערייען.

אזוי האט עס זיך אויך דעם לעצטען שבת, בעת ס'איז פארגעקומען א פוטבאל מעטש צווישען „מכבי" און „בליסקאוויצא" געענדיגט מיט א וויסט געשלעג און איינער פון די פיהרער פון ספארט־קלוב „מכבי" איז צושלאגען געווארען מיט א גומענער קישקע.

ווי תמיד ווארפט איין קלוב אויפ'ן אנדערען די שולד. מיך אינטערעסירט דאס אבער נישט, א פאקט איז, אז דאס, וואס ס'קומט פאר איז נישט אנשטענדיג און צו דעם מוז א סוף נעמען. און היות ווי איך סימפאטיזיר מיט אייך און קוק זיך צו צו אייער ענטוויקלונג מיט א פאזיטיווען בליק, מאך איך אייך אויפמערקזאם: יודישע ספארטלער, אביסעל אנשטענדיגער!

ווען ס'האנדעלט זיך וועגען יודען, בלייבט מען אונבעשטראפט.

די „גאזעטא נאראדאווא" איז איבערפולט מיט די געמיינסטע העסליגסטע אינסינואציעס געגען יודען, און טאמער וואגט א נישט־יוד צו זאגען א גוט ווארט וועגען יודען, ווערט ער געשטעלט צום שאנד־סלופ.

לעצטענס האט די „גאזעטא נאראדאווא" איינגעפיהרט א נייע רובריק אין דער פארם פון א לאזונג אויף דער ערשטער זייט, וואס לייענט זיך „פרעכש ז' זשידאמי ז' פאלסקי אי ז' אייראפי". און מערקווירדיג, אז אויב די „גאזעטא נאראדאווא" ערלויבט זיך מיט איין ווארט שארף ארויסצוטרעטען געגען דער רעגירונג, ווערט זי קאנפיסקירט און געגען די רעדאקטארען ווערט פערפיהרט א פראצעס; ווען אבער זיי העצען עפענטליך איין ראסע געגען דער צווייטער, וואס דאס איז א בפרוש'ע סתירה צו דער פוילישער קאנסטיטוציע, מעגען זיי דאס טהון אונגעשטערט.

דאס איז נישט צו פערשטעהן, פיידען, אז מען זאל אננעמען דעם פאל דאס ווען ס'האנדעלט זיך וועגען יודען, בלייבט מען אונבעשטראפט.

זיי זענען נישט פעראנטווארטליך...

ווי בעוואוסט עגזיסטירט אין טשענסטאכאוו א געזעלשאפט פון נאכט־וועכטער, וועלכע נעמען א חודש־אבצאהל פון די געשעפט־אייגענטימער און דערפאר זענען זיי פעראנטווארטליך, אז עס זאל נישט פארקומען קיין גנבות.

דערצעהלט מיר ה' כאסקלאוויטש, וועלכער האט א געשעפט אויף דער ווארשאווער גאס, פאלגענדען פאקט:

ער איז אויך א צאהלער פאר די נאכט־שומרים און פונדעסטוועגען האט מען איהם בע'גנב'עט. איז ער דאך אוועק צו די היטער מיט א טענה, שאקלען זיי זיך אב און ענטפערען, אז וואס זענען זיי שולדיג אויב די גנבים האבען בע'גנב'עט. שרייט דאך דער ה' כ. אויב איהר זענט נישט פעראנטווארטליך, טא פארוואס נעמט איהר געלד? זאגען זיי ווידער: און אז מיר נעמען שוין יא געלד, כדי צו פעריהיטען פון גנבות, מוזען מיר זיין פעראנטווארטליך?

ווי געפעלט אייך עפעס אזא געזעלשאפט, וואס איז געשטעלט דערויף צו פעריהיטען פון גנבות און נעמען דערפאר בעצאהלט, און פונדעסטוועגען זענען זיי נישט פעראנטווארטליך, אויב מען בע'גנב'עט.

א מזל'דיגער טאג פאר די קינאס...

נישט קוקענדיג דערויף, וואס ס'איז היינט זומער, זענען די קינא'ס פונדעסטוועגען דעם פערגאנגענעם מאנטאג געווען איבערפולט. וואס הייסט איבערפולט—מען האט זיך געשטיפט און געשטויסען מיט סכנות נפשות.

מען האט דעמאנסטרירט די לויה פון פערשטארבענעם מארשאל פילסודסקי און לויט'ן מנהג פון ווארשא, האט מען עס אויך ביי אונז דעמאנסטרירט אומזיסט. און נישט קוקענדיג, וואס דאס בילד איז אין משך פון טאג דעמאנסטרירט געווארען אין 4 קינא'ס צו 15 סעאנסען און דאס בילד האבען געקאנט זעהען אנ'ערך 40 טויזענד מאן, זענען פאר די קינא'ס געשטאנען כסדר לאנגע אגאנקעס בעזוכער און דאס דערפאר ערשטענס, ווייל יעדער האט געוואלט זעהן די לויה פון דעם בעליעבסטען און פערהערליכטסטען מענשען אין פוילען, און אויך דערפאר, ווייל מ'האט נישט געדארפט קיין בילעט.

ווי ס'זאל נישט זיין האבען די היגע קינא'ס געהאט דעם פערגאנגענעם מאנטאג גרויס פאוואדזעניע...

זיי פאדערען היגיענע...

די וועלט ווערט וואס אמאל אלץ מאדערנער, קולטורעלער און פאדערט, אז אלעס זאל זיך צופאסען צו די נייע בעדינגונגען.

נעמען מיר אזא געביעט ווי עס איז די יודישע מקוה, ווער האט, למשל, געהאט אנ'אהנונג, אז דארט אין א יודישער מקוה, זאל מען פאדערען היגיענישע בעדינגונגען. אט געדענקען מיר דאך גאנץ גוט, ווי אזוי עס האט אויסגעזעהען מי'ט יאהרען צוריק אין א מקוה אפילו אין אזא שטאדט ווי טשענסטאכאוו. עס איז געווען איין גרוב פאר אלע, כמעט די גאנצע שטאדט יודען, האבען זיך טובל געווען. ווער שמועסט אין די קליינע שטעדטלעך האט מען דאך דאס וואסער, וואס האט געבילדעט א טינקעל קאלירטע בלאטע געלאזט אזוי שטעהן עטליכע וואכען כסדר.

היינט אבער פאדערען אפילו די מקוה - געהער — היגיענע. אין אזא שטאדט ווי טשענסטאכאוו איז פערהאנען א ערשטקלאסיגע מקוה, מען קאן זאגען א פאלקס־באד, מיט ערשטקלאסיגע היגיענישע איינריכטונגען, און פונדעסטוועגען זענען פערהאנען אזעלכע, וואס זענען נאך נישט צופרידען און פאדערען נאך מעהר היגיענע.

אזוי האט זיך געוואנדען צו אונז א מקוה־געהער מיט פאלגענדען פראיעקט:

אויב א מקוה־געהער וויל זיך טובלען אין דער אלגעמיינער מקוה, זאל ער זיך פריהער אבוואשען מיט זייף אין א וואנע און שפעטער ערשט זיך טובלען, כדי ער זאל דעם מענשליכען שווייס נישט איבערלאזען אין דעם וואסער, וואו אויך אנדערע טובל'ען זיך. דער זעלבער ווענדעט זיך דורך אונזער פערמיטלונג צו דער לייטונג פון דער קהלה, אז זי זאל בעשטימען א ספעציעלען מענשען, וואס זאל אבהיטען, אז מען זאל זיך נישט פריהער טובל'ען, ביז מען וועט זיך נישט פריהער אבוואשען דעם שווייס.

יא, אנדערע צייטען, מען פאדערט היגיענע.

יא? צי ניין? — יא!

דעם 2־טען יוני איז פארגעקומען ביי די רעוויזיאניסטען א פלעביסציט, ווען זיי האבען געדארפט ענטפערן: יא אדער ניין — ד. ה. צי זיי דארפען זיך אבררייסען פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע און גרינדען א נייע, אדער נישט.

לאנג האבען זיי געטראכט, וואס זיי זאלען ענטפערען: יא אדער ניין, און דער סוף איז געווען, אז כמעט אלע, די גאנצע הונדערט וועהלער האבען געענטפערט אויף דער פראגע: יא צי ניין — מיט א יא.

הערשעלע אסטראפאלער.

ווער האט נישט געהערט די מעשה פון הערשעלע אסטראפאלער, דעם לץ, וועלכער האט זיך ארומגעשלעפט אין די רבי'שע הויפען, געמאכט חכמות, געזאגט ווערטלעך, אבגעטהון שפיצלעך; זיך זאגאר פערשטעלט פאר'ן רבי'ן און בעוויזען „מופתים".

די דאזיגע לעגענדע, וועלכע איז איינגעפרעגט ביי די פאלקס־מאסען, איז סצעניזירט געווארען אין א קאמעדיע מיט 4 אקטען, און דער היגער זעהר - טאלאנטירטער דראמאטישער־קרייז ביי דער „יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט" פיהרט אויף די דערמאנטע הערליכע פיעסע שבת, מוצאי שבועות אין אווענד, אין זאל פון „מכבי".

די דאזיגע קאמעדיע, וועלכע פערמאגט א זעהר רייכען פראבלעם, איז גוט איינרעפעטירט און וועט ווירקליך פערשאפען גרויס גענוס אלע בעזוכער.

אלע טעאטער־ליבהאבער וועלען בעשטימט בעזוכען די טעאטער פארשטעלונג און זיך קוויקען מיט די שפיצלעך און חכמות פון הערשעלע אסטראפאלער.

לויתן

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס.

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהר־ליכע אַלג. פערזאַמלונג פון די יוד. געז. גימנאַזיעס.

די פערזאַמלונג עפענט ה׳ פ. שפּיראַ, וועלכער ערקלערט, אז דאס וואס די פערזאמלונג קומט פאַר אין אַזאַ שפּעטען טערמין איז זיין פערזענליכע שולד, מחמת ער האט געוואָלט, אַז בעת ס׳וועט פאַרקומען די פערזאַמלונג זאָל ער שוין קאָנען צוטראגען די פער־זאַמעלטע א פרעהליכע בשורה און אַט קאָן מען וועגען דעם שוין היינט רע־דען.

ווי בעוואוסט האט זיך פון שטענדיג אַן געפיהלט א נייטווענדיגקייט צו האָ־בען אַן׳אייגענע געביידע פאַר׳ן גימ־נאַזיום און טראָץ אַלע פּרובען האט עס זיך נישט איינגעגעבען און אַט קאָן מען מיט פרייד פעסטשטעלען, אז עס איז ענדליך געשאַפען געוואָרען א בוי־קאָמיטעט פון א רייהע אָנגעזעהענע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען שוין צו דער דיספּאָזיציע עטליכע צעהנדלינג טויזענד זלאָטעס אויף צו קויפען א פּלאַץ און שוין דעם קינפטיגען יאהר וועט מען צוטרעטען צום בויען.

אלס פאָרזיצער ווערט אויסגעוועהלט ד״ר ד. טאָרבעטשקאָ, אלס בייזיצענדע די ה״ה: ראַפּאָפּאָרט און י. שוואַרצ־בוים, אלס סעקרעטאָר ה׳ א. גערשאָ־נאָוויטש

ד״ר טאָרבעטשקא וואונדערט זיך הלמאי עס איז געקומען אויף דער פערזאמלונג אזא קליינע צאהל מיט־גלידער; הפנים אז די עלטערען אינ־טערעסירען זיך ווייניג מיט דער ער־ציהונג פון זייערע קינדער.

נאכ׳ן אדורכלעזען דעם פּראָטאָקאָל גיט אב דעם בעריכט ה׳ לאַנדוי.

ווי עס ווייזט זיך ארויס איז אין די לעצטע יאהרען דער דעפיציט קלע־נער געווארען און גלייכצייטיג איז פערגרעסערט געווארען דאס פערמעגען מיט׳ן איינקויפען 7 טישלער־ווערקשטאָ־טען א. ד. גל.

דעם עלטערן־קאָמיטעט קומט א גרוי־סער דאנק פאַר זיין מיהפולער ארבייט ביי דער בעשפּייזונגס־אקציע, פאַר איינ־אָרדנען דעם קערמאַש א. א. וו., פון די 263 קינדער געניסען ביז 60 פּראָ־צענט פון הנחות.

זיצונגען פון דער פערוואַלטונג זענען פאָרגעקומען 34 פון דער פינאנץ־קאָ־מיסיע—36.

ה׳ שפּיראָ ערקלערט, אז אויב ס׳איז אין בילאַנס פערהאנען אַ דעפיציט פון 36 טויזענד זלאָטעס נעמט עס זיך פון אַלטע צייטען, איבערהויפּט פון די יאהרען 26-27, ווען ס׳האט זיך גע־עפענט אַ קאָנקורענץ־גימנאַזיום.

אָהן דיסקוסיע ווערט אויסגעדריקט לויט׳ן פארשלאג פון פארזיצער אב־סאלוטאָריום דער אבטרעטענדער פער־וואלטונג.

ה׳ שלעזינגער לעזט דעם בודזשעט פּראָיעקט אויף דער סומע פון 89.580 זל., וועלכער ווערט אָנגענומען.

דאן ווערט אויסגעוועהלט פער־אַקלאַ־מאציע א פערוואלטונג פון פאלגענדע פערזאָנען: נ. ד. בערליגער, גאָלדמאן, דענט. גרין, אַדוו. האסענפעלד, י. האָ־ראָוויטש, ר. וואָלף, ל. קאָפּינסקי, ג. לאַנדוי, ס. ראָדאָל, ז. ראָטבאָרד, דיר. פּרושיצקי, ר. שלעזינגער, פּ. שפּיראָ, ד״ר טאָרבעטשקא און ל. וואַרשאַווסקי.

אלס פערטרעטער די ה״ה: בוים, נאָרימבערסקי, י. שוואָרצבוים, ראַפּאָ־פּאָרט און ד״ר ראָזען.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: מאָק־שינסקי, מ. קאהאן און א. גערשאָנאָ־וויטש. פערטרעטער: ווישליצקי, וויערזש־ביצקי און א. טשענסטאכאָווסקי.

KIEROWNICTWO

SZKOŁY i PRZEDSZKOLA

ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY

w Częstochowie, Aleja 20. Telef. 10-78.

przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich klas i do przedszkola (dzieci od lat 4-ch).

Kancelarja czynna codziennie od 12 do 14 i od 16 do 18-ej.

Judaistyka w szerokim zakresie.

Uwaga: Podania o dopuszczenie do egzaminu konkursowego dla korzystania ze stypendjum imienia Zofji Wajnsztokówny w naszej szkole, a po jej ukończeniu w szkole średniej, należy składać w kancelarji szkoły do dnia 12 czerwca b. r.

גרויסער אויספלוג פון טשענסטאָכאָוו נאָך קראָקע.

דאנערשטאג, דעם 13־טען ד.ח. וועט מיט 2 ספּעציעלע צוגען פון טשענסטאָ־כאָוו אָבגעהן א גרויסער אויספלוג נאָך קראָקע. אין יעדען פון די דאזיגע צוגען וועלען פאָהרען צו 1000 פּערזאָן, כדי אָבצוגעבען כבוד דעם פערשטאָרבענעם ערשטען פּוילישען מאַרשאָל יוזעף פּיל־סודסקי און אָנטיילצונעמען אינ׳ם שיטען דעם „באָרג" אין סאָווינעץ.

דער ערשטער צוג וועט אָבפּאָהרען פון טשענסטאכאָוו 5.44 א זייגער פּאָר־טאָגס און פון קראָקע 19.05. דער צווייטער צוג וועט אַרויספאהרען פון טשענ־סטאָכאָוו 6.40 א זייגער פריה און אָב־פאָהרען פון קראָקע 21.10 א זייגער.

די רייזע־קאָסטען אין ביידע זייטען בעטרעפען 7.80, אריינרעכנענדיג דעם באָהן־בילעט, טראָמוויי־בילעטען, אָב־צאָהל אויף סאָווינעץ און בעזוכען דעם וואָוועל.

אינ׳ם אויספלוג וועלען אָנטיילנעמען איינוואוינער פון טשענסטאָכאָוו און פּאָוויאַט. דערביי איז געוואונשען, אַז יעדער אָנטיילנעמער אינ׳ם אויספלוג זאָל מיטנעמען 10 קג. ערד, וועלכע וועט צוגעשיט ווערען צום באָרג.

גענויע אינפאָרמאציעס ערטיילט די שטאָדטישע אָבטיילונג פאר קולטור און בילדונג (מאַגיסטראט, צימער נר. 3, טעל. 20.09).

פון תנועת תורה ועבודה.

שבת, דעם צווייטען טאג שבועות 4.30 נאכמיטאג קומט פאר א חגיגת הרגל און א רעפעראַט פון ח׳ שמואל קאָבלינץ א. ד. ט. חג הביכורים.

פרייזען פון תרומות.

איינשרייבונג אין ספר הזהב 100 דאָלאר, אַ גאָרטען פון 100 בוימער 1000 זל., אַלעע פון 10 בוימער 100 זל., איין בוים 10 זל., אַ דונאם שפּענ־דונג 300 זל.

אויף אלע איבערגעבראכטע תרומות גיט דער ק. ק. ל. צו די תורמים שעה־נע דיפּלאָמען צום אנדענק, אויף וועל־כע עס ווערט אויפגעשריבען דער טעקסט פון דער תרומה לויט די אָנ־ווייזונגען פון די תורמים.

פון „השומר הדתי".

פרייטאג, דעם ערשטען טאג שבועות פונקטליך 7 פריה קומט פאַר פאַר שומרים צופים א שעור קיצור שלחן ערוך.

נאכמיטאג פונקטליך 3 נאכמיטאג קומט פאָר א שעור תנ״ך און א שיחה א. ד. ט.. „חג הביכורים" געפיהרט דורך אח גרייצער.

דעם צווייטען טאג שבועות קומט פאָר א חגיגת הרגל. אַלע שומרים קו־מען מונדורירט.

פון זש. ט. ק.

1) 4־טאָגיגער אויספלוג איבער פּיע־ניני. דער וועג פיהרט דורך ראבקע, טורבאָטש, טשארשטין, מיט׳ן דונאַיעץ נאך שטשאָווניצע, יאוואָרזנע, קריניצא.

2) 2־טאָגיגער אויספלוג נאך בעסקיד שלאָנסקי דורך טשאנטאריאָ, סטאָזעק, באראניא און וועגערסקע בערג.

3) 2־טאָגיגער אויספלוג נאך גאָרז־קאָווסקע בערג.

4) אויספלוג נאך ראָקאָוו.

איינשרייבען קען מען זיך אין קאַנ־צעלאַריע פון סעקרעטאריאט (קאַטע־דראַלנע 13) פון 9–10 אָוונד.

פון „בעלי־מלאכה־דתיים".

פערגאַנגענעם זונטאג איז פאָרגעקו־מען א חברים־פערזאַמלונג מיט דער בעטייליגונג פון די פרויען.

נאכ׳ן רעפעראַט פון יו״ר מיכאלאָ־וויטש איז אָנגענומען געוואָרען א פּראָ־טעסט־רעזאָלוציע געגען די אָנפאלען אויף די ווארשאווער רבנים צוליעב׳ן אונטערשרייבען דורך זיי אַן׳אויפרוף לטובת „מחלקת החרדים" ביים קק״ל. אַלס צייכען פון אָכטונג און דאנקבאַר קייט פאַר די חשוב׳ע רבנים האבען די אנוועזענדע זיך מתחייב געווען צו פערשטאָרקען די אָרבייט לטובת קק״ל.

דער יו״ר פון תו״ע ה׳ יונגסטער האט א גרויסען טייל פון זיין רעפע־ראָט געווידמעט דער רעליגיעזער פרוי. עס איז בעשלאָסען געוואָרען להבא צו שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דער מזרחי׳סטישער אַקטיוויזירונג פון דער רעליגיעזער פרוי.

א׳ דשבועות, 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאַר א רעפעראַט פון ח׳ קאָנ־סענס א. ד. ט. „קבלת התורה אין ארץ־ישראל".

ב׳ דשבועות 4 נאכמיטאג קומט פאָר א חברים־פערזאַמלונג וועגען אַלגעמיין־מזרחיסטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

די שעורים קומען פאַר לויט׳ן תכנית השעורים.

דין־וחשבון פון „קרן קימת לישראל" פאר ניסן.

פּושקעס 315.71, נדרים 218.03(!), חגי משפחה 4.25, מאַרקעס 13.70, זעלבסטבעשטייערונג 6.90, כפר רוט־שילד 19.00, אוניווערסיטעט 41.10, פערשידען 15.00. בסה״כ 633.69 זל.

פון דער יודענשטאַטס־פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאג, דעם 9 ד. ח. 11 פּאַרמיטאג קומט פאר אין זאַל פון „מכבי" (קאַטע־דראַלנע 13) א פייערליכע אַקאַדעמיע אין צוזאמענהאנג מיט דער קרייז־קאָנ־פערענץ פון אונזער פּארטיי, וועלכע קומט פאר אין זעלבען טאָג אין טשענ־סטאכאָוו, מיט׳ן אָנטייל פון די ה״ה: ד״ר ב. יאָז, פּרעזעס פון צ. ק., אדוו. מ. גוטקאָווסקי, גענעראל־סעקרעטאר פון צ.ק. און א. איצקאָוויטש (נאכ׳ן צוריק־קומען פון א״י), וועלכע וועלען רעפע־רירען אויף דער טעמא: „אויף דער שוועל פון 19־טען ציוניסטישען קאָנג־רעס".

---

4 נאכמ. קומען פאר די בעראַטונגען פון דער קאָנפערענץ אין לאָקאל פון איגוד, אַלעע 8.

---

9 אָוונד א באָנקעט אין אייגענעם לאקאל, אויף וועלכען ח׳ א. איצקאָ־וויטש, נאך זיין צוריקקומען פון ארץ־ישראל וועט רעפערירען א.ד.ט.: „וואס האב איך געזעהן אין נייעם ארץ ישראל"?

אַלע דעלעגאַטען צו דער קרייז קאָנ־פערענץ מעלדען זיך זונטאג פון 8–10 פריה אין לאקאל פון איגוד מיט׳ן צוועק צו בעזאָרגען זיך מיט „כרטיסי־ציר" און אינסטרוקציעס אין קרייז־סעקרע־טאַריאַט.

אָכטונג חברים־ות יודענשטאַטלער!

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קרייז־קאָנפערענץ און בעזוך פון צ.ק. חברים, קומען פאר פרייטאג און שבת 4 נאכמ. אויסערגעוועהנליכע אַלגעמיינע פערזאַמ־לונגען. אלע חברים־ות ווערען דיסצי־פּלינאַריש אויפגעפאָדערט זיך פונקטליך צו בעטייליגען אין פערזאַמלונגען.

אָכטונג „דבורה".

פרייטאג 3 נאכמ. קומט פאר אַן׳אוי־סערגעוועהנליכע פערזאַמלונג פון אלע חברות. אָנוועזענהייט דיסציפּלינאַריש בינדענט!

אָכטונג בר״ק.

שבת 3 נאכמ. אַן׳אסיפה פון גאַנצען קן אין לאקאל פון איגוד, אלעע 8.

בעזאָרגט אייך מיט שקלים!

געדענקט דאס בלויז עטליכע טעג טיילען אונז פון דער אָבשליסונג פון שקלים־פערקויף. דעריבער בעזאָרגט אייך מיט שקלים, כדי נישט צו פער־לירען דאס וואהל־רעכט צום 19־טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

טשענסטאָכאָווער דעלעגאַטען אויפ׳ן ווארשאָווער קהלות - צוזאַמענפאָהר.

צום זונטאג׳דיגען אַלפּוילישען קהלות־צוזאַמענפאַר, וואס איז פאָרגעקומען אין ווארשא וועגען בעעהרען דעם אָנדענקען פון מאַרשאָל יוזעף פּילסודסקי דורכ׳ן פוילישען יודענטום, זענען מצד דער היגער קהלה געפאָהרען: דער פּרעזעס פון קהלה־ראָט ה׳ חיים וועקסלער און וויצע־פּרעזעס פון דער פערוואַלטונג — ה׳ ב. געווערצמאַן.

פון „ברית החייל".

פרייטאג, דעם 1־טען טאג שבועות 4 א זייגער נאכמיטאג וועט רעפערירען דער חבר פעלץ פון ברית הצה״ר אויף אַן׳אַקטועלען טעמא.

שבת, דעם 2־טען טאג שבועות 4 א זייגע־ נאכמיטאג קומט פאר די ווייטער־דיגע לעקציע פון יודישער געשיכטע, געפיהרט דורכ׳ן חבר נ. זהובי.

אַלע חברים ווערען אויפגעפאָדערט צו זיין אָנוועזענד אויף ביידע רעפעראַטען און קומען פונקטליך.

דער רעוויזיאָניסטישער פּלעביסציט־טאָג אין וויעלון.

דעם פערגאנגענעם זונטאג 10 אַ זייגער פריה האט זיך אָנגעהויבען די אָבשטימונג פון רעוויזיאָניסטישען פּלע־ביסציט וועגען דער שאַפונג פון אַן׳־אונאָבהענגיגע ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע.

עס זענען אָבגעגעבען געוואָרען 205 שטימען, דערפון 202 שטימען פאָר „יאָ" און 3 שטימען — „ניין".

פּרוב־אַלאַרם פון דער פייערלעשער־אָבטיילונג.

שבת פאָרנאַכט איז אין מאַגיסטראַט אונטער׳ן פאָרזיץ פון פּרעזידענט מאָצ־קעוויטש פארגעקומען א זיצונג פון דער שטאָדט־פערוואַלטונג, אויף וועלכער עס איז געוואָרען אָרומגערעדט דער בו־דזשעט אויפ׳ן יאָהר 1935–36. אין מאָ־מענט, ווען אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג האט זיך געפונען די פּאָזיציע פאר די פייער־לעשער האט פּרעז. מאָצקעוויטש, ווע־לענדיג, אַז די לאָווניקעס זאָלען זיך איבערצייגען וועגען דער טעטיגקייט פון די פייערלעשער, פּעראָרדענט א פּרוב־אַלאָרם.

פונקטליך נאך 4 מינוט זענען פאָר׳ן מאָגיסטראַט אָנגעפאָהרען 2 אויטאָ־פּאָגאָ־טאָוויעס, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס האבען זיך געפונען דער פּרעזעס י. קאָן און קאמענדאָנט סערעדניצקי. די צייט פון 4 מינוט דאָרף אָנערקענט ווערען אלס רעקאָרד, ווייל פאראיאהרען זענען די פייערלעשער ביי די זעלבע בעדינגונגען אָנגעקומען אין 4 און א האַלבע מינוט.

די תפילה אין דער שטאָדט־שוהל לכבוד דער „וואָך פון רויטען קרייץ".

פערג. זונטאג האַלב 10 א זייגער אינדערפריה, איז אין דער שטאָדט־שוהל פארגעקומען א פייערליכע תפילה לכבוד דער פּראָקלאָמירטער „וואָך פאַר׳ן רוי־טען קרייץ".

אין דער שוהל האבען זיך פערזאָ־מעלט: די יוגענד פון די פּאָווּשעכנע שולען, ד״ר אָקסער׳ס גימנאַזיום, יודי־שען גימנאָזיום, וויינשטאָק׳ס שולע א.א.

דער שטאָדט־חזן ה׳ באָדאָש האט אָבגעריכט די געהעריגע תפילות, דער דיין ר׳ יוסף פּראָקאָש האט אָבגעריכט עטליכע קאַפּיטלעך תהלים און דאַן האט ד״ר האמער געהאַלטען א געלע־גענהייטס רעדע.

דערנאך איז פארגעקומען א מאַרש איבער דער שטאָדט, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט אלע אָבטיילונגען פון „רויטען קרייץ" פון די היגע שולען און אָרגאַניזאַציעס.



„הערשעלע אָסטראָפּאָלער".

ענדליך ווערט מאָרגען שבת אָוונד אויפגעפיהרט די הערליכע קאָמעדיע „הערשעלע אָסטראָפּאָלער", וואס איז גע־שפּילט געווארען א גאַנצען סעזאָן אין ריגער מלוכה־טעאטער מיט׳ן גרעסטען ערפאָלג.

די קאָמעדיע איז גוט איינגעפּערטירט געוואָרען דורכ׳ן היגען דראַמאַטישען קרייז, וואו ס׳נעמען אנטייל די בעסטע כחות. רעזשיסירט פון ש. פראַנק.

עס איז מעהר ווי זיכער, אַז דער טעאַטער־עולם וועט גערן בעזוכען די אויפפיהרונג און זיך בעקענען מיט א הערליכען פּראָבלעם, וואס רופט זיך הערשעלע אָסטראָפּאָלער.

די ערשטע פערזאַמלונג וועגען בויען א דענקמאַל פאַר׳ן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

דאנערשטאג 6 א זייגער אָוונד וועט אין מאָגיסטראַט פאָרקומען די ערשטע פערזאַמלונג וועגען בויען א דענקמאָל פאַר׳ן שעפער פון דער אונאָבהענגיגקייט, דעם ערשטען מאָרשאָל יוזעף פּילסודסקי. אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג זענען איינגעלאָדען געווארען א רייה פערזענ־ליכקייטען פון אונזער שטאָדט.

די רעוויזיאָניסטישע פּלעביסציט-אָבשטימונג אין טשענסטאָכאָוו.

פאָריגען זונטאג, דעם 2 טען יוני איז, אַזוי ווי אין דער גאַנצער וועלט, אויך ביי אונז אין שטאָדט פאָרגעקומען די פּלעביסציט-אָבשטימונג וועגען דער שאַפונג פון א נייער אונאָבהענגיגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „אוצא". עס איז דערביי בעגאַנגען א פעהלער די היגע פּלעביסציט-קאָמיסיע, וועלכע האט אנשטאָט פון 8 פריה, ווען די וואָהל-ביוראָ האט געדאַרפט זיין טעטיג, ערשט זי געעפענט 6 א זייגער פארנאכט. דאָך איז די פרעקווענץ געווען א גרויסע, ווייל ביז'ן שליסען די וואָהל-ביוראָ זע-נען מענשען געשטאַנען אין שורות און געוואַרט אויף זייער רייה, טראָץ דעם גרויסען שלאַקס רעגען, וועלכער האט גראַד 6 א זייגער אָנגעהויבען פאַלען. ווען די ביוראָ איז טעטיג דעם גאַנצען טאָג, וואָלטען די צאָהל אָנטיילנעמער אין פּלעביסציט זיכער געווען א דאָ-פּעלטע.

דער רעזולטאַט איז פאָלגענדער: 387 וועהלער אין דער אָבשטימונג האבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר „יאָ", ד. ה. יאָ שאַפען די „אוצא" און 10 — „ניין", ד. ה. געגען.

כאָטש די גרעסטע טייל וועהלער זענען געווען רעוויזיאָניסטען איז אבער כאַראַקטעריסטיש דערביי, וואס צו דער פּלעביסציט-אָבשטימונג האבען זיך גע-מאָלדען סתם יודען פון די פערשידענסטע שיכטען פון דער היגער בעפעלקערונג, וועלכע האבען נאכ'ן אונטערשרייבען א דעקלאַראַציע, אַז זיי זענען מסכים מיט'ן רעוויזיאָניסטישען פּראָגראַם זיך אַקטיוו בעטייליגט אין פּלעביסציט.

משמעות, אַז דער רעוויזיאָניזם האט אין משך פון זיין 10-יעהריגער עקזיס-טענץ געשלאגען טיפע וואָרצלען אין דער יודישער בעפעלקערונג און זיין פּאָפּולאריטעט וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס איז שוין איצט פאַר אלעמען קלאָר, אַז פון 2-טען יוני האט זיך אָנגעהויבען א נייע ערא אין דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג. ע. י.

צוגאָב-פּאָבאָר-קאָמיסיעס.

אין דער צייט פון 1 יולי ה. י. און 30 אַפּריל 1936 וועלען יעדען חודש צו 1 טאָג אַמטירען צוגאַב-פּאָבאַר-קאָמיסיעס אין לאקאל קילינסקי 13 פאַר פּאָבאָר-פּליכטיגע פון טשענסטאכאוו און אומ-געגענד.

דער טערמין פון אַמטירען פון דער דאָזיגער קאָמיסיע וועט זיין: דעם 3 און 15 ליפּיעץ, 16 שערפּיען, 16 טען ווזשעשען, 16 פּאַזדזיערניק, 14 ליסטאָ-פּאַד און 16 גרודזיען, ווי אויך דעם 15 סטיטשען, 14 לוטי און 17-טען מארזעץ 1936 י.

די פילם - סעאַנסען פון דער לויה פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

מאנטאג 9 א זייגער אינדערפריה, האבען אלע היגע קינאָ'ס אָנגעהויבען דעמאָנסטרירען דעם פילם פון די פּיי-ערליכקייטען פונ'ם מאַרשאַל פּילסודסקי'ס לויה אין ווארשא און אין קראָקע.

די איינגאַנגען אין די קינאָ'ס און די רעקלאַמע-פענסטער זענען שטאָדטישען שפּיטאָל זענען געווען געהעריג דעקאָ-רירט.

די פארמיטאג-סעאַנסען זענען געווען בעשטימט פאר קינדער פון די פאָלקס-שולען. די זאַלען פון אלע היגע קינאָ'ס זענען געווען איבערפולט. לויט'ן פאר-אויסגעזעהענעם פּלאַן זענען כסדר אָנ-געקומען אלץ נייע גרופּעס קינדער, וועלכע האבען געזעהן דאס דאָזיגע בילד, צוגעהענדיג זיך דערנאך אין שולשטענדיגער אָרדנונג, אונטער'ן איינ-דרוק פון דער טרויעריגער צערעמאָניע.

פון 3 א זייגער נאכמיטאג ביז שפּעט אין דער נאָכט האט אין שטאָדט גע-הערשט א גרויסע בעוועגונג. מאַסען מענשען האבען געשטראָמט צו די קינאָ-לאָקאַלען, פאר וועלכע זיי האבען זיך אויסגעשטעלט אין לאַנגע רייהען, וואַר-טענדיג רוהיג, כדי צו קענען אַריינקו-מען אינעווייניג און זעהען דאס בילד פון אָבגעבען דעם לעצטען כבוד דעם ערשטען פוילישען מאַרשאַל יוזעף פּיל-סודסקי.

אָנווייזונגען אויף אלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין" נעמט אן:

TORGSIN
OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC
MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14

Bank Gospodarst. Krajowego און אבטיילונגען Bank PKO, און אָבטיילונגען (22.000 אַמטען קאָנטע) Państwowy Bank Rolny (פ.ק.אָ. ביי אלע פּאָסט-) Pow Bank Kredytowy S. A. און אבטיילונגען Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy, Bank Handlowy. Bank Związku Spółek Zarobkowych, D/B T. Binimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk, w Gdańsku און אנדערע הערט = בריעף נעמען אן אלע פּאָסט-אמטען.

פאָדערט די נייע פּרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פּרייזען.

אינפאָרמאציעס ערטיילען אלע דערמאנטע אינסטיטוציעס און די געזעלשאפט „היאס"

Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

100-יעהריגער יובל פון שטאָדטישען שפּיטאָל.

דעם 2 יוני ה.י. איז אונבעמערקבאַר אדורך 100 יאָהר, זינט עס איז געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין צום בויען פון שטאָדטישען שפּיטאָל.

צוליב'ן נאציאָנאַלען טרויער איז דער 100-יעהריגער יובל פונ'ם שפּיטאָל נישט געפייערט געוואָרען ווי געהעריג.

די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים און פאָב-ריקאַנטען - באַנק אויפ'ן דענקמאָל.

די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים-און פאָב-ריקאַנטען-באַנק האט זיך דעקלארירט אָנצונעמען שפּענדונגען אויפ'ן דענק-מאָל, וואס זאָל געבויט ווערען אין טשענסטאָכאָוו פאַר'ן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

צו דעם דאָזיגען צוועק האט די דער-מאָנטע באַנק אויך אַסיגנירט 750 זל.

ווען צוויי כיראָמאַנטען וואוינען אינ'ם זעלבען האָטעל.

דער כיראָמאַנט וואַצלאַוו פּיפּעלאַ, וועלכער וואוינט צייטווייליג אין טשענ-סטאָכאָוו אין האָטעל „קופּיעצקי" האט געמאָלדען דער פּאָליציי, אַז וואַצלאַוו זאַוואַדזקי, וועלכער איז אויך א כיראָ-מאַנט און וואוינט אינ'ם זעלבען האָטעל, בעגיסט איהם מיט וואַסער.

די פּאָליציי אבער האט פעסטגע-שטעלט, אַז ביידע דערמאַנטע בעגיסען זיך געגענזייטיג מיט וואַסער. עס איז דעריבער נישט פערשטענדליך פארוואס די כיראָמאַנטען האבען אַזעלכעס נישט פאַרגעזעהן, גאָר זענען זיך צונויפגע-טאָהרען.

געגרינדעט אַנ'אַעראָקלוב אין טשענסטאָכאָוו.

לויט דער איניציאַטיווע פון א רייהע פּערזאָנען, וועלכע פיהרען א נוצליכע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט מיט'ן סטאַ-ראָסטע וואגאָווסקי און פּרעזידענט מאַצ-קעוויטש בראש, איז פּערג. וואָך אין „כלויצען זאַל" פון דער צוקערניע „איי-ראָפּאַ" פאָרגעקומען די גרינדונגס-פער-זאַמלונג פון אַנ'אַעראָקלוב אין טשענ-סטאָכאָוו, וועמענס ציעל איז צו ענט-וויקלען און פערשפּרייטען דאס לופט-פליהעריי, כדי אין פאַל פון א נויט-ווענדיגקייט צו קענען פערטיידיגען די בעפעלקערונג פון פערשידענע לופט-אַנגריפען.

די פערזאַמלונג האט געעפענט פּרע-זידענט מאַצקעוויטש, אינפאָרמירענדיג די אַנוועזענדע וועגען די ציעלען פון דער קאָנפערענץ.

וועגען דער בעדייטונג און ציעלען פון אַעראָקלוב האבען זיך ברייטער אַרויסגעזאָגט: סטאַראָסטע וואגאָווסקי, פּרעזידענט מאַצקעוויטש, אינזש. וויע-טשאָרעק, דיר. לעפּשי, פּפּולק. קאַשאַ, דיר. אָפּאַנאָוויטש, דיר. נאָווינסקי, י. כאַלעוויצקי א.א.

דערנאך איז פאָרגעקומען די קאָנסטי-טואירונג פון דער פערוואַלטונג, וועלכע בעשטעהט פון 13 פּערזאָן און 2 פּער-טרעטער ווי אויך א ראַט. חוץ דעם איז געוועהלט געוואָרען א פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַריין פאָלגענדע יודען: פון זשורנאַליסטען-סינדיקאַט: ה"ה מ. אש און געשיקטער ווי אויך די ה"ה: פּראָפעס ראָזענבערג, פּראָפעס וועקסלער, דיר. העלמאַן, דיר. זיגמאַן, דיר. שוואַרץ, ראָטמאַן גאָלד-בערג, דיר. גראָסמאַן, ד"ר באַטאָוויאַ, דיר. בזשעזשינסקי, ד"ר מאַרקוספעלד, דיר. ראָמאַן מאַרקאָוויטש, דיר. זיגמונט מאַרקאָוויטש, דיר. סעניאָר.

א קאָמאָרניק פאַר'ן געריכט.

עהערגעכטען איז דורכ'ן קרייז-געריכט געמשפּט געוואָרען דער 40-יעהריגער וואַצלאַוו יאַן וויטקאָווסקי, וועלכער ווערט בעשולדיגט, אַז פיהרענדיג דעם אַמט פון קאָמאָרניק פון ליפּיעץ ביז ליסטאָפּאַד 1933 האט צוליב אייגענעם נוצען געבראַכט שאָדען אין די ענינים פון באַנק גאָספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָוועגאָ געגען חיים ראָזען און יוזעף גורניק געגען סטעפאַן כ'לאַנד, כאָטש אין ביי-דע פאַלען האט ער גענומען זאַליטש-קעס אויף די עקזעקוציע-קאָסטען.

אין אלגעמיין האט ער צוגענומען 1438 זל., וועלכע בעשטעהן פון זאַ-ליטשקעס איפ'ן חשבון פון די עקזעקו-ציע-קאָסטען און עקזעקוציע סומעס.

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק איז אויך געזעסען דער לייטער פון וויט-קאָווסקי'ס קאַנצעלאַריע — מיעטשיסלאַוו קרוליקאָווסקי, וועלכער האט געפעלשט א קוויטונג אויף 100 זל., כלומרשט אָבגענומענע דורך וויטקאָווסקי'ן פון א געוויסען נ. ד. גאָטיינער.

דער בעשולדיגטער וויטקאָווסקי האט א רייהע יאָהרען געאַרבייט אין פערשי-דענע אַדוואָקאַטען-קאַנצעלאַריעס און אין יאָהר 1932 איז ער נאָמינירט גע-וואָרען אלס קאָמאָרניק אין גער און פון דאָרט איז ער איבערגעטראַגען געוואָ-רען קיין קרזשעפּיץ און דערנאך קיין טשענסטאָכאָוו.

בעת דער אויספאָרשונג וועגען די בעגאַנגענע מיסברויכען אין קרזשעפּיץ האט זיך אַרויסגעוויזען, אַז וויטקאָווסקי האט אויפ'ן געוויסען ענהליכע עבירות פון דער צייט פון אַמטירען אין גער, פאַר וועלכע ער וועט בעזונדער גע-משפּט ווערען.

דאס געריכט האט איהם פער'משפּט אויף 2 יאָהר תפיסה און קרוליקאָווסקי'ן — אויף 1 יאָהר.

סענסאַציאָנעלע גנבה פון א הויז.

די אויספאָרשונגס-מאַכט פיהרט אַנ'-אויספאָרשונג וועגען אַנ'אונגעוועהנליכער גנבה פון א הויז. די פּרטים פון דער דאָזיגער סענסאַציאָנעלער געשיכטע זע-נען פאָלגענדע:

מיט א געוויסער צייט צוריק האט דער היגער סוחר י. מאָשקאָוויטש גע-קויפט אויף זאָוואַרזיע א הויז, וואס איז געווען דאס אייגענטום פון קאַטאַ-רזינאַ גראַנדעט און האט זיך געפונען אויף אַלשטינסקאַ 103. אינ'ם דאָזיגען הילצערנעם הויז האבען געוואוינט פרוי גראַנדעס און איהר פאַמיליע. דער פער-קויפס-פּרייז איז געווען 4.000 זלאָטעס, דערביי האט זיך די אייגענטימערין טערפליכטעט אין קורצען אַרויסצוציהען פונ'ם הויז.

ווען דער בעשטימטער טערמין איז אדורך און פרוי גראַנדעס האט זיך נישט געוואָלט אַרויסציהען, האט דער נייער ווירט דעם ענין איבערגעגעבען אין געריכט און אַרויסבעקומען אַנ'עקסמיסיע.

ווען דער קאָמאָרניק צוזאַמען מיט'ן אייגענטימער פון הויז ה' מאָשקאָוויטש זענען געקומען צום אָרט פון דער עקס-מיסיע, האבען זיי דערזעהן, אַז דאס הויז איז ערגעץ פערשוואונדען.

ווי עס האט זיך אַרויסגעוויזען האט פרוי גראַנדעס, א טאָג פאַר דער עקס-מיסיע צולייגט דאס גאַנצע הויז און דאס גאַנצע מאַטעריאַל אָוועקגעפיהרט אין אַנ'אונבעוואוסטער ריכטונג, נוקם זייענדיג זיך אויפ'ן נייעם ווירט פאַר דער עקסמיסיע.

אין 1-טען קאָמיסאַריאַט

געפונען זיך אָבצונעמען א שליסעל און א וועקסעל אויף 15 זל. אויסשטעלער פּיאָטר קראָטלינסקי, קאָפּערניקאַ 10.

PENSJONAT R. FRENKLOWEJ

Willa „Sielanka" telef. 24. BYSTRA k. Białej

poleca na sezon letni, pokoje słoneczne i wygodne po cenach przystępnych. Kuchnia pierwszorzędna. Piękne położenie. Woda bieżąca, angielskie W. C, kąpielowe, telefon, radjo i t. p. Poczta, telegraf oraz lekarz na miejscu.

Stacja kolejowa: Bystra-Wilkowice. Połączenie autob. z Bielskiem

---

די פערוו. פון סוחרים-און פאַבריקאַנטען-פעראיין

מאַכט בעקאַנט, אַז **מיטוואָך**, דעם **12 יוני** ד. י. **7 אָוונט**

אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע וואָלנאָשטשי 3-5 קומט פאַר די

אַלגעמיינע פערזאַמלונג

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהל פון א פאָרזיצענדען פון דער פערזאַמ-לונג, 3) לעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער אַלג. פערזאַמלונג פון 2 אַפּריל 1934, 4) בעשטעטיגען דעם בעריכט פון 1934, 5) ענדערן דעם סטאַטוט, 6) בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1935, 7) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 8) פרייע פאָרשלאָגען.

בעמערקונג: 1) אין פאַל ווען אין ערשטען טערמין וועט נישט קומען די געהעריגע צאָהל מיטגלי-דער, וועט די פערזאַמלונג פאָרקומען דעם זעלבען טאָג 8 אָוונד אין צווייטען טערמין און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאָהל אָנוועזענדע. 2) לויט'ן פּאַר. 13 פּונקט 5 פון סטאַטוט האָבען די מיטגלידער דאס רעכט אריינצוטראָגען פאָרשלאָגען נאָר 10 טעג פאַר'ן טערמין פון דער פערזאַמלונג.

W związku z ulgowemi egzaminami dla czeladników, który się kończy 31 grudnia 1935 r. zostaje zorganizowany

dwutygodniowy kurs przygotowawczy

który się rozpoczyna 10 czerwca.

Bliższe informacje udziela Kancelarja Szkoły Rzemiosł, Garncarska № 8.

ראַטעוועט דאס געזונד!

א קראַנקער מאגען איז אָפט די סיבה פון פערשידענע קראַנקהייטען

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

זענען א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאָגען. זיי בעזייטיגען אָבסטרוקציעס און זענען אַ מילד נאַטירליך אָבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאַנצען. וועלכע פערגיפטען דעם אָרגאַניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווערען געברויכט ביי קראנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאַלשטיינער און מערידען. ווערען גערן גענו-מען דורך די קראַנקע.

KINO „EDEN".

לעצטע נייהייט!

Człowiek, który sprzedał swą głowę

דראַמאַ, געשטיצט אויף אויטענטישע פּאַסירונגען.

אַלס צווייטער פּראָגראַם — די פוילישע קאָמעדיע

Co mój mąż robi w nocy?

מיט גאָרטשינסקאַ, מאַנקוויטשובנאַ, יאַראָסי, קרוקאָווסקי.

Kino „LUNA"

דער הערליכער פילם לויט מאָלנער'ס ערצעהלונג

Mała Czarodziejka

(Dobra wróżka)

מיט מאַרגאַרעט סוליוואַן א. א.

איבער'ן פּראָגראַם: אַקטואַליען און פּאַט.

פרייזען פון 35 גר.

„ATLANTIC"

אַגראָדאָווע 14.

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

מאַרגאַרעט סוליוואַן

אינ'ם פילם

ZALEDWIE WCZORAJ

ווי אויך **האַראָלד ללאָיד** אין פילם

Coraz wyżej

פרייזען פון 25 גר.

Szczepienie ospy ochronnej

świeżą krowianką

STARSZY FELCZER

ST. MITTLER

Częstochowa, Piłsudskiego 7

I-e piętro, tel. 18-04.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.

אין דער גוט-בעקאַנטער

דרוקעריי פון

ב. באָטשאַן

1 אַלעע 6

טעלעפ. 22-01

ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערהאַנד דרוק-אַרבייט,

— ווי: —

בריעף = בויגען
קאָפּערטען
פּאָסט-קאַרטען
חתונה-קאַרטען
בראָשורען
קוויטאַריושען
אַפישען
פלוג = צעטלען
קלעפּסידרעס

א. ד. גל. ביליגער ווי יעדעראַל.

בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.